ווי אזוי לעבט דאס קינד אין מעדעם-סאנאטאריע

ISBN:0-657-12282-3
01-19

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12282

MEDEM-SANATORYE IN MYEDZESHIN

*Permanent preservation of this book was made possible
by The Rauch Family, Angela, Charles, Karen, Matthew, Samantha & Max
In memory of Hyman, Ethel, Melvin & Mark Rauch*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Lief D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

מעדעם־סאַנאַטאָריע

אין מיעדזעשין

ארויסגעגעבן:

פאַרוואַלטונג פון מעדעם־סאַנאַטאָריע

ווארשע — 1932

Odbito w druk. „Grafia", Warszawa, Orla 9,

וולאדימיר מערעם (1923—1879)

אַלגעמיינער בליק אויף דער סאַנאַטאָריע

I-טע געביידע (שלאפצימערן)

II-טע געביידע (אַלגעמיינע זאַלן)

כאַראַקטער פון אַנשטאַלט די קינדער-סאַנאַטאָריע א. נ. וול. מעדעם („מעדעם-סאַנאַטאָריע") איז אַ הייל-דערציִערישער אַנשטאַלט (פּרעווענטאָריום) ביי דער יידישער שול-אָרגאַניזאַציע אין פּוילן.

לכתחילה איז די סאַנאַטאָריע פאַרטראַכט געוואָרן אַלס הייל-אַנשטאַלט פאַר דער גרויסער צאָל לונגען-באַדראָטע קינדער אין די יידיש-וועלטלעכע שולן. דער דערציִערישער גייסט פון יידיש-וועלטלעכן שול-וועזן האָט זיך אויף אַ נאַטירלעכן אופן איבערגעטראָגן אויך אין דעם אַנשטאַלט.

עלטער פון די קינדער און דויער פון זיין אין סאַנאַטאָריע אין סאַנאַטאָריע ווערן אָנגענומען קינדער אין עלטער פון 6 ביז 16 יאָר, וועלכע מוזן צוליב זייער שוואַכן געזונט-צושטאַנד פאַרברענגען עטלעכע חדשים אויף דער פרישער לופט. די קינדער זיצן דאָ דורכשניטלעך 2,5 חדשים (פון 1 ביז 6 חדשים); איינצלנע קינדער בלייבן אַפילו ביז 9, 10 חדשים. אַ געוויסער טייל קינדער היילט זיך דאָ צו פאָר חדשים יעדעס יאָר אָדער יעדן צווייטן יאָר.

די סאַנאַטאָריע האָט ערטער — ווינטער פאַר 115, זומער — פאַר 160 קינדער. די קינדער קומען אָן אין אַנשטאַלט קלייגע פאַרטיעסווייז.

נאַציאָנאַליטעט די סאַנאַטאָריע איז באַשטימט פאַר יידישע קינדער (כמעט דער איינציקער הייל-אַנשטאַלט פאַר יידישע קינדער אין פּוילן). עס היילן זיך אָבער דאָ אויך אין אַ קליינער צאָל קריסטלעכע אַרבעטער-קינדער. געוועזן אַ צייט, ווען זייער פּראָצענט איז דערגאַנגען ביז 13. די קריסטלעכע קינדער פילן זיך אויסגעצייכנט און לעבן זיך פולשטענדיק צונויף מיט זייערע יידישע חברים.

שפּראַך ווי אין אַלע יידיש-וועלטלעכע אַנשטאַלטן, הערשט דאָ די יידישע שפּראַך. מיט די פּוילישע קינדער איז די אומגאַנגס-שפּראַך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, פּויליש. די יידישע קינדער צווישן זיך רעדן יידיש, מיט די פּוילישע חברים — פּויליש. אָבער אַפילו די פּוילישע קינדער הויבן שנעל אָן צו פאַרשטיין יידיש און רעדן גערן אין דער שפּראַך פון

אַנשטאַלט. נישט זעלטן זענען דאָ פאַלן, ווען פוילישע קינדער לערנען זיך דאָ אויס שרייבן און לייענען יידיש.

סאָציאַלער באַשטאַנד פון די עלטערן ביי 80 פראָצ. עלטערן זענען אַרבעטער, אָנגעשטעלטע אָדער אָרימע כאַלופניקעס. די איבעריקע זענען קליינהענדלער און אינטעליגענטן (דאָקטוירים, לערער, אַרטיסטן, ליטעראַטן און אַנדערע פרייע פראָפעסיעס).

9/10 קינדער שטאַמען פון דער גרעסטער יידישער נויט אין פוילן. 70 קינדער היילן זיך דאָ שטענדיק אויפן חשבון פון דער אָפּטיילונג פאַר כאָציאַלער שוץ ביים וואַרשעווער מאַגיסטראַט. ביי 20 קינדער — האַלטן אויס די וואַרשעווער קר.-קאַסע און אַנדער-ע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. די איבעריקע קינדער היילן זיך אינגאַנצן אומזיסט אָדער פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל, וועלכן עס טראָגן אַריין די עלטערן. אין איינצלנע פאַלן דעקן די עלטערן אַליין די קאָסטן פון אויסהאַלטונג. צום דעפיציט פון אַנשטאַלט טראָגט ביי אירע סומען די יידישע שול-אָרגאַניזאַציע.

קינדער וואָס נויטיקן זיך אין אַ סאַנאַטאָריע די צאָל קינדער, באַדראָטע דורך שווינדזוכט איז ביי אונז אין לאַנד זייער גרויס. בלויז אין וואַרשע האָבן מיר אין שול-יאָר 1928/29, לויט דער סטאַטיסטיק פון מאַגיסטראַט, געהאַט אויף 100.287 שול-קינדער:

1985 — קראַנקע אויף שווינדזוכט פון לונגען און ביינער.
11543 — פאַרדעכטיקע אויף לונגען-שווינדזוכט.
46054 — שלעכט דערנערטע, מיט פאַרגרעסערטע דריזן

59.582 צוזאַמען

ביי 60 פראָצ. קינדער, אַלזאָ, נויטיקן זיך אין הייל- און דערהאָלונג-אַנשטאַלטן. ביי די יידישע קינדער איז דער פראָצענט שווינדזוכט-באַדראָטע נאָך גרעסער.

פון דער גרויסער צאָל קראַנקע און שוואַכע קינדער אין וואַרשע איז אין דערמאָנטן יאָר אַרויסגעשיקט געוואָרן אין סאַנאַטאָריעס, הייל-קאָלאָניעס בסך-הכּל 3250 קינדער אָדער 5,4 פראָצענט פון די באַדראָטע.

פאַר די לעצטע 3 יאָר האָט זיך די לאַגע באַדייטנד פאַרערגערט. אין אונזער סאַנאַטאָריע האָבן זיך פאַר די 6½ יאָר (פון 18.I 1926) געהיילט 3.852 קינדער.

טייל קינדער, הויפּטזעכלעך פון די, וואָס היילן זיך אויפן חשבון פון מאַגיסטראַט, קומט אויס צו וואַרטן אויף אַן אָרט אין אַנשטאַלט — 10—12 חדשים און גאַנץ אָפט אַפילו ביז 2 יאָר. ס'טרעפט נישט זעלטן, אַז די מאַגיסטראַט-פאַראָרדנונג וועגן אַרויסשיקן אַ קינד אין סאַנאַטאָריע קומט שוין צו שפּעט...

אויפנאַם פון קינדער אין סאַנאַטאָריע ווערן אָנגענומען: קינדער מיט נישט קיין אַקטיוון פּראָצעס אין די לונגען, וואָס זענען נישט שעדלעך פאַר דער אַרומיקער סביבה; קינדער — פיזיש־שוואַכע, מיט פאַרגרעסערטע לונגען־דריזן, וואָס נויטיקן זיך אין אַ קלימאַטישער היילונג; קינדער — וואָס ליידן אויף דויערנדע קראַנקהייטן פון די אָטעם־אָרגאַנען, ווי אַסטמע, בראָנכיעקטאַזיע און אַנדערע; ווי אויך קינדער מיט נישט קיין שווערע האַרץ־פעלערן, מיט אַזוי גערופענער שול־אַנעמיע, נעוראָפּאַטישע און רעקאָנוואַלעסצענטן.

די קאַנדידאַטן ווערן פאַרן אַרויספאָרן אונטערזוכט דורך דאָקטוירים פון דער שול־אַמבולאַטאָריע ביי דער געז. „קינדער־פריינט”.

דאָס קינד קומט אין אַנשטאַלט מיט גענויע מעדיצינישע קוואַליפיקאַציעס וועגן זיין געזונט־צושטאַנד (קלינישע און לאַבאָראַטאָרישע אונטערזוכונגען, רענטגען א. אַנד.)

פאַרן אַרויספאָרן ווערט דאָס קינד באַזוכט אין דער היים דורך אַ סאַניטאַרין אָדער לערערין, וועלכע האָט די אויפגאַבע צונויפצוזאַמלען אַלע ידיעות וועגן זיין היים, ווי אויך פעסטצושטעלן, צי ס׳איז ביים קאַנדידאַט אין שטוב אָדער אין שכנות נישטאָ קיין אָנשטעקנדיקע קראַנקע. אינם טאָג פון ארויספאָרן מאַכט דאָס קינד דורך אַ באָד און אַ דעזינפעקציע פון זיינע זאַכן.

היגיענע די קינדער וואַשן זיך (דעם גאַנצן קערפּער) און רייניקן די ציין 2 מאָל טעגלעך; ווערן געבאָדן זומער יעדן טאָג, ווינטער — 2 מאָל אַ וואָך. דאָס בעטגעוואַנט ווערט געלופטערט יעדע וואָך. אין פאַל פון אַ וועלכער ס׳איז קראַנקייט ווערט דאָס קינד גלייך איזאָלירט אין אַ ספּעציעל איינגעאָרדנטער איזאָלאַציע־אָפּטיילונג, וואָס פאַרמאָגט באַזונדער אַלע נויטיקע איינריכטונגען (באָד, וואַש־צימער, וועראַנדע א. אַנד.). די שפּייז־פּראָדוקטן ווערן שטרענג קאָנטראָלירט.

ס׳ווערט אויך געלייגט אכט אויף דער ריינקייט און פּערזענלעכע היגיענע פון פּערסאָנאַל, ווי אויך פון באַזונדערע איינריכטונגען אין אַנשטאַלט.

הייל־מיטלען אונזערע הייל־מיטלען זענען: זון, לופט, ראַציאָנעלע דערנערונג און גוטער זעלבסטגעפיל פונם קינד. די קינדער געפינען זיך כמעט אַ גאַנצן טאָג אויף דער לופט און שלאָפן זומער ביי אינגאַנצן געעפנטע פענסטער און ווינטער — ביי אָפענע אויבערלופטן. די געגנט איז אַ וואַלדיקע, טרוקענע; די לופט איז ריין, רייך אין אָזאָן. זומער גייען די קינדער כמעט נאַקעט. חוץ דעם, וועראַנדירן די קינדער טעגלעך 4 שעה (ווינטער ביז 15 — גראַד). אַלע קינדער ווערן אונטערזוכט קליניש דורך די אָרטיקע דאָקטוירים. די נויטיקע לאַבאָראַטאָרישע אונטערזוכונגען ווערן אויך געמאַכט אויפן אָרט. אַ באַדייטנדיקע צאָל קינדער באַקומט איינשפּריצונגען און

מעדיקאַמענטן. לעצטנס איז צוגעקומען אַ גוט איינגעאָרדנטער דענטיסטישער קאַבינעט.

האַרבסט און ווינטער באַקומען די קינדער קוואַרץ־לאָמפּן.

די קינדער ווערן דערנערט 6 מאָל טעגלעך. די דערנערונג איז אַ ראַציאָנעלע. צו די דערנערונג־מיטלען געהערט אויך טראָן, וועלכן די קינדער נעמען גאַנץ גערן.

רעזולטאַטן דער צוּוואוּקס אין וואָג ביי די קינדער באַטרעפט דורכשניטלעך 1.8 קילאָ אַ חודש (אַ סך פאַלן פון 4 ביז 5 קילאָ אַ חודש). טייל קינדער קומט אויך צו אין וווּקס. נאָך אַ געוויסער צייט פאַרברענגען אין אַנשטאַלט – ווערן די קינדער מונטער, פריילעך, לעבעדיק און פאַרלירן זייער נערוועזיטעט.

געוויס, ביי די שלעכטע באַדינגונגען שפּעטער אין דער היים פאַרלירן די קינדער שנעל פון דער צוגענומענער וואָג. דאָך האָט דער גרעסטער טייל קינדער, וואָס האָט זיך געהיילט ביי אונז אין אַנשטאַלט, צו פאַרדאַנקען זייער געזונט און אָפט אויך זייער לעבן — די עטלעכע חדשים, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט אין סאַנאַטאָריע.

דערציערישע יסודות די דערציערישע יסודות פון אַנשטאַלט זענען: וואָס מער אָנגענעם צו מאַכן דאָס לעבן פון די קינדער אין סאַנאַטאָריע; דערהויבן די קינדער צו אַ העכערן קולטור־ און לעבנס־ניוואָ; שאַפן געהעריקע פאָרמען פון קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן; אַריינציען די קינדער אין דער פירונג און טאָג־טעגלעכע אַרבעטן (חוץ. פאַרשטייט זיך, שווערע) פון אַנשטאַלט; דערנענטערן און באַקענען די שטאָטישע קינדער מיט דער לעבעדיקער נאַטור; איינשטעלן גלייכע און נאַטירלעכע באַציונגען צווישן דערוואַקסענעם און קינד.

דער רעזשים, די אָרדנונג, די היגיענישע און קולטורעלע פאָרמען פון לעבן ווערן דאָ איינגעשטעלט צוזאַמען מיט די עלטערע און מיטלע קינדער.

די קינדער ווייזן אַרויס אַ סך איניציאַטיוו און אינטערעס פאַר אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו זייער לעבן אין סאַנאַטאָריע. זייער איניציאַטיוו ווערט אויפגעכאַפּט און ווי ווייט מעגלעך רעאַליזירט, די קינדער זענען שטאָלץ מיט יעדער נייער איינריכטונג. אויף אַזאַ אופן ציען זיי זיך אַריין אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט, און עס בילדעט זיך אויס דער דערציערישער כאַראַקטער פון אַנשטאַלט.

במשך פון אַ פּאָר יאָר וואַקסט אויס אין סאַנאַטאָריע אַ ברייט־פאַרצווייגטע זעלבסטפאַרוואַלטונג. עס אַנטוויקלט זיך אַפילו אַן אייגענע „פּרעסע”. עס דערשיינען פון צייט צו צייט וואַנט־צייטונגען (איצט דערשינען דער 77־טער נומער)

די קינדער רוען (ערשטע ליג־האַלע)

די קינדער רוען (צווייטע ליג־האַלע)

מיט אַ גוטן אפעטיט (ביים פרישטיק)

פרייד און שפיל אויפן ספארט-פלאַץ

דאס קליינוואַרג וואַשט זיך

מען פוצט די שיך

אונזער נייער וואש-צימער

אונזער נייער באָד-צימער

דענטיסטישער קאַבינעט

אין איזאָלאַציע

און חוץ דעם גייט אַרויס פאַר די לעצטע 2 יאָר אַ מינדלעכע טאָג-צייטונג „אונזער ראַדיאָ“.

דער ביאָלאָגישער מוזיי ווערט כסדר באַרייכערט מיט נייע עקספּאָנאַטן, די אַרבעט אין און אַרום גאָרטן פאַרנעמט אַן אָנגעזעען אָרט אין לעבן פון די קינדער.

שוין איבער אַ יאָר איז טעטיק אַ מעטעאָראָלאָגישע סטאַציע.

זעלבסטפאַרוואַלטונג אין דער קאָמפּעטענץ פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג גייען אַריין אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צום לעבן פון די קינדער אין סאַנאַטאָריע און אַ ריי פונקציעס, וואָס ווערן אויסגעפירט דורך די קינדער.

די העכסטע אינסטאַנץ פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג איז די וועכנטלעכע פאַרזאַמלונג, אין וועלכער עס באַטייליקן זיך אַלע קינדער חוץ די גאָר קליינע (ביז 8 יאָר).

די פאַרזאַמלונג וויילט דעם קינדער-ראַט און טיילט אויס פון זיך אויפזעער און קאָמיסיעס פאַר פאַרשיידענע אַמטן. טייל אויפזעער ווערן געוויילט אויף 1 וואָך, אַנדערע אויף 2 וואָכן. עס זענען אויך דאָ הודשדיקע אַמטן (ביבליאָטעק-קאָמיסיע, קאָאָפּעראַטיוו, רעדאַקציע, פאַרווייַלונגס-קאָמיסיעס א.אַנד.).

דער קינדער-ראַט ווערט געוויילט אויף 10 וואָכן. דער קינדער-ראַט טיילט פון זיך אויס אַ קאָנטראָל-קאָמיסיע, וואָס האָט די אויפגאַבע צו קאָנטראָלירן, ווי אַזוי די אַרבעט ווערט אין אַלע ווינקעלעך אויסגעפירט.

דער „בוים“ (זייט 8) שטעלט פאָר אַלע קאָמיסיעס און אַמטן פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג. די צאָל בלעטער באַווייזן די צאָל קינדער אין יעדער קאָמיסיע. אין יעדער קאָמיסיע באַטייליקט זיך אַ לערער אָדער אַ סאַניטאַרין, באַשטימט דורכן פּעדאַגאָגיש-מעדיצינישן ראַט. יעדע קאָמיסיע האָט די אויפגאַבע אויסצופירן איר אַמט, ווי אויך צו קומען מיט פאָרשלאַגן וועגן נייע אופנים פון אַוועקשטעלן די אַרבעט. די אַלע נייע פאָרשלאַגן קומען צום קינדער-ראַט.

די באַשלוסן פון קינדער-ראַט גייען אַריין אין לעבן, אויב דער פּעדאַגאָגיש-מעדיצינישער ראַט, אָדער דער פאַרוואַלטער לייגן נישט אַרויף אויף זיי קיין וועטאָ. אַזעלכע וועטאָ-פאַלן טרעפן אָבער זעלטן. דער ראַט קאָן אויך נישט באַשליסן קיין פראַגן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט אויסגאַבן. אין אַזעלכע פאַלן קומט דער ראַט מיט פאָרשלאַגן צום פאַרוואַלטער.

דער קינדער-ראַט באַשטייט פון 7 קינדער און 2 לערער מיט שטימרעכט. חוץ דעם קאָנען מיט באַראַטונגס-רעכט זיך באַטייליקן אין זיצונגען פון ראַט אַלע מיטגלידער פון פּעדאַגאָגיש-מעדיצינישן פּערסאָנאַל. גאַנץ אָפט ווערן איינגעלאַדן דער אָדער יענער לערער, די אָדער יענע סאַניטאַרין אָדער דער דאָקטאָר, אויב עס ווערן באַהאַנדלט פראַגן, וואָס האָבן צו זיי אַ שייכות.



אַלגעמיינע קינדער - פאַרזאַמלונג

רשימה פון אַמטן

איינוואָכיקע: 1· טישן־אויפזעער, 2· וואַש־צימערן, 3 ·הענט־וואַשן, 4· פיס־וואַשן, 5· שיך־ר״ניקן ב״ם אַר״נג״ן אין געב״דע, 6· שין־פוצן, 7· מילך־אויפזעער, 8· נאַכט־טעפּ, 9· „00“, 10· טעראַסן ־ אויפזעער· צוויי וואָכיקע: 1· וועש־שענקעלעך, 2· ני־געצייג, 3· שטאַקן־אויפזעער, 4· קאַצן־אויפזעער 5· הויף־אויפזעער, 6· גאַרדעראָב־אויפזעער, 7· ברודיקע וועש, 8· אויפזעער אין ביאָלאָגישן צימער, 9· טעמפּעראַטור־מעסטן, 11· צאָן־פּולווער־שענקלעך· חודשדיקע 1· ביבליאָטעק, 2· קאָאָפּעראַטיוו, 3 שפּילצייג, 4· שופלאָדן, 5· נאַשוואַרג, 6· פאַרוויילונג, 7· רעדאַקציע, 8· פאַסט, 9· מעטעאָראָלאָגישע סטאַציע, 10· טויבן־שלאַק, 11· גאָרטן־אויפזעער, 12· הינער־שטייג, 13· „אונזער ראַדיאָ“, 14· אויפנעמען געסט·

אַלס פּאָרזיצער אין סעקרעטאַר פון ראַט ווערן געווײלט קינדער. בײ קאָמפּליצירטע פראַגן אָדער בײ אַ נישט-געניטן פּאָרזיצער פאַרטרעט אים אײנער פון די לערער.

דער עלעמענט קינדער איז אַ פּליסיקער. די קינדער האַלטן זיך אין אײן טוישן. פאַלט אַרויס אַ קינד פון אַ קאָמיסיע אָדער פון קינדער-ראַט, ווערט עס גלײך פאַרטראָטן מיט אַ צווײטן.

בײם אויסווײלן קאַנדידאַטן אויף אַמטן מוזן בײזײן דער דאָקטאָר פון אַנשטאַלט ווי אויך די הויפט-דערציער פון די גרופּעס, וועלכע דאַרפן אַכטונג געבן, אַז דער אַמט זאָל אַנטשפּרעכן דעם געזונט-צושטאַנד, ווי אויך די נויגונגען פון קינד.

נישט געקוקט אויף דער „פּליסיקייט" פון די קינדער, פונקציאָנירט אָבער די זעלבסטפאַרוואַלטונג שטענדיק אָן איבעררײסן. כמעט אַלע קינדער באַטײליקן זיך אין דער זעלבסטפאַרוואַלטונג. טײל קינדער, באַזונדערס די עלטערע, פירן אויס אײנצײטיק 2 אָדער 3 אַמטן (אַלע אַמטן צוזאַמען טאָרן אָבער נישט אָפּנעמען צופיל צײט).

אַממערסטן רײסן זיך די קינדער צו די אַרבעטן אין גאָרטן, אין ביאָלאָגישן צימער, אַרום די בעלי-חיים [עופות, טויבן, פויגעלעך, הינט, וועוויערקעס, קיניגלעך און אַנד.] — באַזונדערס צו די טויבן.

מיט יעדן יאָר פונקציאָנירט די זעלבסטפאַרוואַלטונג אַלץ בעסער. דאָס איז הויפּטזעכלעך צוליב דעם, וואָס אַ טײל קינדער האָבן שוין פאַרבראַכט אין סאַנאַטאָריע צו עטלעכע מאָל און שוין אויסגעפּירט פאַרשידענע אַמטן.

אַלגעמײנע פאַרזאַמלונג די אַלגעמײנע פאַרזאַמלונג קומט פאָר אײן מאָל אין וואָך בעת דער פאַרמיטאָג-טעראַסע.

דאַן קומען זיך צונויף אַלע קינדער (חוץ די קלענסטע) אויף אַ טעראַסע, אָדער אויפן פאַרזאַמלונגס-פּלאַץ, און ווינטער — אין קלוב-צימער. דעם פּאָרזיץ פירט דער פּאָרזיצער פון קינדער-ראַט, אין אויסנאַם-פאַלן — אײנער פון די דערציער. דער קינדער-ראַט גיט אָפּ אַ באַריכט וועגן דער אַרבעט אין דער זעלבסטפאַרוואַלטונג פאַר דער פאַרגאַנגענער וואָך. די קינדער קומען מיט נײע פאָרשלאַגן, זאָגן זיך אַרויס וועגן דער אַרבעט פון באַזונדערע קאָמיסיעס און אַמטן, און ווײזן אָן אויף דעפעקטן. עס ווערן אויך געטאַדלט און געלויבט אײנצלנע אויפזעער. טײל קינדער שטעלן זיך אײן פאַר די געטאַדלטע. נײע קאַנדידאַטן אויף אַמטן ווערן אָנגערופן דורכן קינדער-ראַט, דורך אײנצלנע קינדער און דערציער. אין מערסטן טײל פאַלן לײגן די קינדער אַלײן פאָר זײערע אײגענע קאַנדידאַטורן. אויב קײנער פּראָטעסטירט נישט קעגן דער אָדער יעדער קאַנדידאַטור, ווערט זי גלײך אָנגענומען. אָפּשטימונגען קומען פאָר נאָר אין פאַלן ווען עטלעכע קינדער פּרעטענדירן אויף אײנעם און זעלבן אַמט אָדער — ווען עמיצער זאָגט זיך אַרויס קעגן אַ באַשטימטער קאַנדידאַטור.

אָפּשטימונגען קומען בכלל פאָר ווייניק. אויב אַ קינד האָט אינטערעס צו אַ באַ־שטימטן אַמט און פירט אים אויס גוט, ווערט אים דער אַמט איבערגעלאָזן אויף אַ צווייטע און אָפט אויף אַ דריטע קאַדענץ. די אָנוועזנהייט אויף דער פאַרזאַמלונג איז פאַרפליכטנד פאַר אַלע קינדער. איינצלנע קינדער האַלטן זיך דאָך אָן אַ זייט. אַזעלכע קינדער באַקומען אויך צוגעטיילט אַמטן, אויב זיי זענען אויף דעם מסכּים. דאָס האַלטן זיך אָן אַ זייט דויערט געוויינלעך נישט מער, ווי די ערשטע 1-2 וואָכן.

פּ ר ע ס ע

אין סאַנאַטאָריע דערשיינען פּעריאָדיש וואַנט־צייטונגען און טעגלעך אַ מינדלעכע צייטונג „אונזער ראַדיאָ״. די ערשטע וואַנט־צייטונג אין קליינעם פאָרמאַט איז דערשינען אין 1927 יאָר. איצט איז שוין אַרויס דער 77־טער נומער. אונזערע וואַנט־צייטונגען האָבן שוין געהאַט די זכיה צו באַטייליקן זיך אין דער וועלט־אויסשטעלונג פון דער פּרעסע אין קעלן אין 1928 יאָר. „אונזער ראַדיאָ״ האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אָנהויב יולי 1930 און דערשיינט אָן איבעררייס יעדן טאָג פּונקט 8.01 אָדער 8.16 פרי.

דער אינהאַלט פון יעדער וואַנט־צייטונג ווערט געוויינלעך קאָנצענטרירט אַרום איין הויפּט־טעמע, וועלכע קומט צום אויסדרוק אין קעפּל פון דער צייטונג.

אַזוי האָבן מיר געהאַט וואַנט־צייטונגען, געווידמעט באַשטימטע פּערזענלעכ־קייטן, ווי מענדעם, מיכאַלעוויטש, פּרץ, שלום־עליכם, מיצקעוויטש (צו זייערע יאָרצייטן); אַקטועלע געשעענישן אין אַנשטאַלט (עפּידעמיע, קריגעריי צווישן קינדער); באַשטימטע איינריכטונגען (זעלבסטפאַרוואַלטונג, ביבליאָטעק); יום־טובים־פייערונגען (5־יאָריקער יובילײ פון סאַנאַטאָריע); צייטן פון יאָר; ליטעראַרישע (הומאָריסטישע, פּאַראָדיעס און לידער); געזעלשאַפטלעכע (אַרבעט און פרייהייט, מיין היים).

די וואַנט־צייטונג ווערט נאָכן דערשיינען איבערגעלייענט פאַר אַלע קינ־דער דורך די מחברים פון די אַרטיקלען און שפּעטער ערשט אויפגעהאָנגען אויף דער וואַנט אין קלוב־צימער.

דער „אונזער ראַדיאָ״ איז אַנטשטאַנען אַלס באַדערפעניש אין אַן אָרגאַן, וואָס זאָל איבערגעבן לויפנדע טאָג־טעגלעכע ידיעות און מעלדונגען פון באַזונ־דערע קאָמיסיעס אָדער פון קינדער־ראַט.

די רעדאַקציע פון „אונזער ראַדיאָ״ באַשטייט פון 2 קינדער און אַ לערער. חוץ דעם האָט „אונזער ראַדיאָ״ קאָרעספּאָנדענטן אין אַלע גרופּעס, וועלכע זאַמלען אַ גאַנצן טאָג מאַטעריאַל און שטעלן אים צו פאַרן צונויפ־שטעלן דעם נומער האַלב 8 אינדערפרי.

דער „אונזער ראַדיאָ״ ווערט פאָרגעלייענט פאַרן פרישטיק גלייך נאָך דער שטילער מינוט. צוערשט גייט דער באַריכט פון דער מעטעאָראָלאָגישער סטאַציע, שפּעטער ידיעות פון׳ם פאַרגאַנגענעם טאָג, אַקטועלע נייעס פון דער אַלגעמיינער פּרעסע, נאָך דעם — מעלדונגען און נייעסן פון באַ־

„קינדער־פּאַרלאמענט“ אין סאַנאַטאָריע
(אלגעמיינע וועכנטלעכע קינדער־פאַרזאמלונג)

דער קינדער־ראַט האַלט אָפּ אַ זיצונג

זונדערע טיילן פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג. אַ סך ידיעות שטעלט צו די נאַטור-קאָמיסיע (פון גאָרטן, ביאָ-ווינקל און אַנדערע). עס ווערן אויך געבראַכט געלונגענע וויצן, קאָמישע סצענקעס און איינפאַלן פון איינצלנע קינדער, לערער אָדער געסט. דער „אונזער-ראַדיאָ" מאַכט אויפמערקזאַם אויף דעפעקטן אין דער אַרבעט פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג, טאַדלט און צייכנט אויס באַזונדערע האַנדלונגען פון קינדער. די קינדער הערן דעם א. ר. מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס. אַ פאַרשפּעטיקט קינד וועט נישט צוטרעטן צום עסן ביז עס וועט זיך נישט דערוויסן דעם אינהאַלט פון דערשינענעם נומער. די יינגערע גרופּע גיט אַרויס פון צייט צו צייט אַן אייגענעם „אונזער-ראַדיאָ".

ענדיקן ענדיקט זיך א. ר. שטענדיק מיט ווינטשן: אַ גוטן אַפּעטיט. פאַר די 2 יאָר איז נישט געווען קיין פאַל, אז דער א. ר. זאָל נישט דערשיינען. אין דעם מאַטעריאַל פאַר די 2 יאָר שפּיגלט זיך אָפּ דאָס לעבן פון אנשטאַלט.

נאַטור-אַרבעט די נאַטור-אַרבעט קאָנצענטרירט זיך אַרום גאָרטן, ביאָלאָגישן ווינקל, בעלי-חיים און מעטעאָראָלאָגישער סטאַנציע. עס ווערן צו דעם צוועק אויך שטאַרק אויסגענוצט די שפּאַצירן און אויספלוגן אין נאָנטסטן געגנט. יעדער אַזאַ שפּאַציר ברענגט נייע מאַטעריאַל פאַרן ביאָ-ווינקל. דער ביאָ-ווינקל ציילט שוין ביי היינטיקן טאָג איבער 150 עקספּאָנאַטן, צוגעגרייטע און אויסגעפּאַרטיקטע דורך די קינדער אונטער דער אָנפירונג פון אַ לערער. די עקספּאָנאַטן זענען פון געוויקסן- און חיות-וועלט פון אונזער אַרום. קינדער מיט אינטערעס צו נאַטור-וויסנשאַפט האָבן אַ ברייט פעלד פאַר פאָרשונג און באָאָבאַכטונג. אָבער אויך די אַנדערע קינדער איז שווער אָפּצורייסן פון ביאָ-צימער. אין אַ באַזוך-טאָג פירן די קינדער זייערע עלטערן און די געסט צו באַווייזן זייערע אויפטוען און די וואונדער פון נאַטור-ווינקל. דער באַראָמעטר איז געוואָרן דער צווייטער זייגער אינם אַנשטאַלט.

יעדע דורכגעפירטע אַרבעט פון נאַטור-קרייז, יעדע נייעס פון ביאָלאָגישן צימער אָדער גאָרטן, יעדע נייע באָאָבאַכטונג ווערט איבערגעגעבן דורכן „אונזער ראַדיאָ" און ווערט שפּעטער באַהאַנדלט אין די גרופּן. עס ווערן אויך געמאַכט איין מאָל אין וואָך באַזוכן פון די גרופּן אין ביאָלאָגישן צימער און אין גאָרטן.

דער נאַטור-קרייז פירט אויך אַ טאָג-בוך, וווהין עס ווערן סיסטעמאַטיש ארייגעשריבן אַלע באָאָבאַכטונגען איבער די בעלי-חיים אין סאַנאַטאָריע.

דעם גרעסטן אָרט אין טאָג-בוך פאַרנעמט דער מוראַשניק. דער מוראַשניק איז איינגעאָרדנט אין ספּעציעלע שאַכטלעך, וועלכע זענען פאַרייניקט צווישן זיך מיט גלעזערנע רערלעך. די שאַכטלעך האָבן גלעזערנע אויבערשטע ווענטלעך צוגעדעקט מיט געווייגלעכן טאָוול. ווי מען באָאָבאַכטן, וואָס דאָרט טוט זיך אינעווייניק — הויבט מען אויף דעם טאָוול. די קינדער פאַרנעמען זיך

שטאַרק מיטן מוראַשניק און האָבן שוין געמאַכט אינטערעסאַנטע אנטדעקונגען פונם לעבן פון די מוראַשקעס.

עס ווערט אויך געפירט אַ טאָג-בוך פונם גאָרטן. דער גאָרטן פאַרשאַפט די קינדער די גרעסטע פרייד, באַזונדערס, ווען מען קאָן רייסן מאַלינעס, קאַרשן און עפּל.

עס איז אויך דאָ אַן עקספּערימענטאַל גערטנדל מיט זעלטענע געוויקסן און אַ גרויסער צעמענטענער באַסיין מיט 12 אָפּטיילונגען פאַר וואַסער-געוויקסן און וואַסער-בעלי-חיים.

<u>*ביבליאָטעק*</u> די קינדער-ביבליאָטעק פאַרמאָגט איבער טויזנט ביכער אין יידיש און פויליש. ביכער ווערן איינגעשאַפן כמעט יעדן חודש. חוצדעם באַקומט די ביבליאָטעק גאַנץ אָפט ביכער-מתּנות פון געסט און באַזוכער.

די ביכער זענען געבונדן, איינגעהילט און ווערן געהאַלטן ריין. אַ בוך פון ביבליאָטעק ווערט אַרויסגעגעבן איינגעהילט אין א ספּעציעלן ריינעם בויגן פּאַפּיר (די שטענדיקע הילע בלייבט אין שאַפע אויפן אָרט פון בוך). און דער לעזער איז מחויב אומצוקערן דאָס בוך אין פולשטענדיקער אָרדנונג. הויפּט-זעכלעך אין אַ ריינער הילע. ביים אומקערן דאָס בוך גייט די ספּעציעלע הילע (בויגן פּאַפּיר) אין קויש, און דאָס בוך קערט זיך אום אין זיין שטענדיקער הילע צוריק אין שאַפע. אויב אַ בוך ווערט צוריקגעגעבן נישט אין אָרדנונג, ווערט וועגן דעם געמאָלדן אין „אונזער ראַדיאָ".

דער רעדאַקטאָר פון צייטשריפט „וויכאָוואַוצאַ", וועלכער האָט באַזוכט די סאַנאַטאָריע, רעקאָמענדירט אין זיין אַרטיקל דעם בילדונגס-מיניסטעריום איינצופירן אין אַלע שולן דיזעלבע סיסטעם פון אַרויסגעבן ביכער.

די ביבליאָטעק איז אָפן פיר מאָל אין וואָך נאָכן ערשטן פרישטיק. ביים אַרויסגעבן ביכער אַמטירט אַ לערער, וועלכער העלפט די קינדער אויסוויילן אַ פּאַסנד בוך. יעדער אַבאָנענט צאָלט 20 גר. אַ חודש. אויב אַ קינד האָט נישט קיין געלט, ווערט אים אַרויסגעגעבן ביכער אָן אָפּצאָל. די קינדער אין אַלגעמיין לייענען אַ סך; ווינטער — מער, זומער — ווייניקער.

די ביבליאָטעק-קאָמיסיע האָט אויסגעאַרבעט אַ רעגולאַמין פאַר די לעזער און האָט אויך איינגעפירט אַ בוך אויף רעצענזיעס. די רעצענזיעט ווערן געשריבן דורך די קינדער. די געלייענטע ביכער ווערן געהאַלטן אין די קינדער-שע שופלאָדלעך. אין קלוב-צימער שטייט אַ ספּעציעלע שאַפע מיט שופלאָדלעך. יעדע צוויי-דריי קינדער באַקומען אַ שופלאָדל, וואו זיי האַלטן זייערע ביכער, העפטן, בלייפעדערס, מאַטעריאַלן צו האַנט-אַרבעט, בריוו און ענלעכעס. אין עס- אָדער אין שלאָף-צימער טאָר מען קיין בוך נישט מיטנעמען. עס טרעפט זעלטן, אַ בוך זאָל זיך וואַלגערן נישט אויף זיין אָרט.

ביאָלאָגישער צימער

מען האָדעוועט וואסער-געוויקסן אין די באסיינען

אונזער מעטעאָראָלאָגישע סטאַציע פונקציאָנירט גוט

מען כאַפּט זשאַבּעס (אויף א נאַטור-וויסנשאַפטלעכן שפּאַציר)

די ביבליאָטעקארן גיבן ארויס ביכער

דער קאָאָפּעראטיוו איז טעטיק

עפּל פון אייגענעם גארטן

מען פאריכט זיך די קליידער

לייען־ווינקל דער לייען - ווינקל איז געוויינלעך טעטיק אין האַרבסט און ווינטער און איז אָפן אין קלוב־צייט (פון 4½ ביז 5). דער לייען־ווינקל אַבאָנירט יידישע און פוילישע קינדער־צייטונגען און ספּעציעלע אויסגאַבן פאַר קינדער. די עלטערע קינדער לייענען אויך די טאָג־פּרעסע. דעם גרעסטן דערפאָלג האָבן אילוסטרירטע ביילאַגעס פון די צייטונגען (אינ- און אויסלענדישע) און די סאַנאַטאָריע־אַלבומען, וועלכע ווערן צוגעגרייט דורך די קינדער. די אַלבומען ווערן געמאַכט אויף אַזאַ אופן: אַ ספּעציעלע קאָמיסיע זאַמלט אילוסטראַציעס און פאַרשידענע בילדער — אויסגעשניטענע פון ביילאַגעס, אַלטע זשורנאַלן און ספּעציעלע אויסגאַבן. די אילוסטראַציעס און בילדער ווערן שפּעטער סעגרעגירט לויט געוויסע געביטן: פעלקער און לענדער, קינדער־טיפּן, אַרבעטס־מענטשן, פּייזאַזשן, חיות און פויגלען, צייטן פון יאָר, שול־לעבן און אַנדערע. יעדער אַלבום שטעלט פאָר אַ באַזונדער געביט. די אַלבומען באַשטייען פון באַזונדערע איינצעלנע בלעטער, וועלכע קאָנען אַריין- און אַרויסגענומען ווערן.

אין לייען־ווינקל דאַרף זיין אַבסאָלוט שטיל. אַרויסטראָגן צייטונגען, זשורנאַלן אָדער אַן אַלבום פון לייען־זאַל איז פאַרבאָטן.

קאָאָפּעראַטיוו דער קינדער־קאָאָפּעראַטיוו איז גלייכצייטיק אויך אַ דעפּאָזיט- און ליי־קאַסע. קומט אַ נייַ קינד אין סאַנאַטאָריע, איז שוין לעבן אים באַלד דאָ אַ מיטגליד פון קאָאָפּעראַטיוו־פאַרוואַלטונג, וועלכער דערקלערט, אַז קיין געלט האַלט מען דאָ נישט ביי זיך: ערשטנס, האָט קיינער נישט קיין נוצן דערפון און, צווייטנס, קאָן מען לייכט פאַרלירן. די „קאַפּיטאַלן" פון די קינדער באַשטייען פון 20 גראָשן ביז 1 זלאָטי, אין זעלטענע פאַלן ביז 2.

פון די „דעפּאָזיטן" פליסט שטענדיק אַריין געלט. טראָגט אַ קינד אַריין זיינע גראָשנס, באַקומט ער אַ קאָנטאָ. און אויף זיין קאָנטאָ קאָן ער קויפן אַלץ, וואָס דער קאָאָפּעראַטיוו פאַרמאָגט (מאַטעריאַלן צו האַנט־אַרבעט, בלייפעדערס, בענדלעך, שנירלעך, אַלבומען, פאָטאָגראַפיעס פון דער סאַנאַטאָריע, פּאָסט־מאַרקעס און אנד.). שעפּט זיך אויס די קאָנטע אָדער אַ קינד האָט לכתחילה נישט געהאַט קיין געלט, באָרגט אים דער קאָאָפּעראַטיוו אויס די געוווּנשענע זאַך ביז אַ באַזוך־טאָג, ווען די עלטערן קומען צו די קינדער. אין טייל פאַלן גאַראַנטירט דעם חוב דער פאַרוואַלטער אָדער אַ לערער, און זיי דאַרפן ענטפערן אויב דאָס קינד האָט נישט געהאַט צו דעקן.

דער קאָאָפּעראַטיוו ווערט געפירט לויט אַלע כּללים פון ענלעכע אינסטיטוציעס ביי דערוואַקסענע, און די קינדער שטאָלצירן מיט זייער בוכפירונג.

נאַשוואַרג פון נאַשוואַרג קאָן מען אַריינברענגען אין אַנשטאַלט בלויז פרוכטן, צוקערלעך און שאָקאָלאַד. דאָס גאַנצע נאַשוואַרג ווערט קאָנטראָלירט דורך אַ סאַניטאַרין און דאַרף איבערגעגעבן ווערן דער

נאַשוואַרג-קאָמיסיע, וועלכע האָט אין איר רשות אַ ספּעציעלע שאַפע. די שאַפע ווערט געעפנט 2 מאָל אין טאָג: פאַרן צווייטן פרישטיק און פאַרן פאַרנאַכט-עסן. דאָס נאַשוואַרג פון יעדן קינד געפינט זיך אין אַ ספּעציעלן בייטל מיטן נאָמען פון קינד. דאָס קינד באַקומט דאָס זעקעלע, און קאָן אַרויסנעמען וואָס און וויפיל ער וויל. די קינדער באַקומען אין סאַנאַטאָריע אומבאַגרענעצט זיס געבעקס און פאַרהעלטניסמעסיק אַ סך פרוכטן. זיי זענען דעריבער נישט שטאַרק זשעדנע אויף זיסקייטן. קינדער האַלטן אויס שאָקאָלאַד און אַנדערע זאַכן אַ וואָך און מער.

די קינדער באַציען זיך מיט צוטרוי צו דער נאַש-קאָמיסיע, און עס איז זעלטן אַ פאַל, אַז אַ קינד זאָל נישט איבערגעבן דאָס נאַשוואַרג דער קאָמיסיע. אַ טייל קינדער טיילן זיך מיטן נאַשוואַרג מיט די חברים, וואָס האָבן נישט קיין אייגענע. פאַר די לעצטע באַקומט פון דער פאַרוואַלטונג נאַשוואַרג די קאָמיסיע אין איר רשות. פון צייט צו צייט ווערט דאָס גאַנצע נאַשוואַרג לויט אַ פאָרשלאַג פון קינדער ראַט צעטיילט צווישן אַלע קינדער.

איינצלנע טישן אָדער גרופּן אָרדנען בײַ זיך איין קאָמונעס פון נאַשוואַרג.

געווען אַ צייט, ווען דאָס גאַנצע נאַשוואַרג פלעגט צעטיילט ווערן צווישן אַלע קינדער (באַשלוס פון אַ פאַרזאַמלונג). טייל עלטערן האָבן אָבער אָנגעהויבן ברענגען ווייניקער זיסקייטן, און מען האָט געמוזט צוריק איבערלאָזן יעדן זיין „אייגנטום”. די קינדער אַליין טיילן זיך אָבער גערן מיט זייערע חברים.

פאַרווײַלונגען, פייערונגען און ראַדיאָ-קאָנצערטן

פאַרווײַלונגען ווערן איינגעאָרדנט גרעסערע און ערנסטערע צו וועלכע מען גרייט זיך לאַנג, און געלעגנהייטלעכע צו וועלכע מען גרייט זיך ווייניקער. די ערשטע ווערן איינגעאָרדנט סיסטעמאַטיש יעדע פאָר חדשים און מיטן אָנטייל פון געקליבענע כחות. די אַנדערע -- בײַ פאַרשידענע געלעגנהייטן: פאַרן אַוועקפאָרן פון אַ גרופּע קינדער אָדער אַ לערער, ביים באַנייען אַ נייע איינריכטונג אָדער אינוועסטיציע. אַזעלכע פאַרווײַלונגען זענען פאָרגעקומען ביים אַרומצוימען דעם צוגעקויפטען פּלאַץ, ביים עפענען דעם שפּיל-פּלאַץ, ביים אָנהויבן באַנוצן זיך מיטן ניי-איינגעאָרדנטן באָד-צימער, ביים עפענען די מעטעאָראָלאָגישע סטאַציע, ביים באַנייען די צוגעקומענע טעראַסע, ביים איבערטראָגן די ביבליאָטעק אין אַ נייע שאַפע, און אין ענלעכע פאַלן.

חוץ-דעם קומען פאָר סיסטעמאַטיש יעדן שבת צו אָוונט-ברויט (בעתן עסן) „ראַדיאָ-קאָנצערטן”, אין וועלכע עס נעמען אָנטייל קינדער, לערער און אַפילו געסט. די קאָנצערטן באַשטייען פון עטלעכע נומערן סאָלאָ און כאָר-געזאַנג, מוזיק, דעקלאַמאַציעס, רעציטאַציעס און פעליעטאָנען.

עס קומען פאָר נאָך אַנדערע פאַרשידענע פייערונגען פון יאָרצייטן, אין דער ערשטער ריי פון מ ע ד ע מ ע ן ווי אויך פון שרייבער און דיכטער

קאסטיומען־באל

קאַרנאַוואל אין סאַנאַטאַריע

(יידישע און נישט־יידישע). די וואָך פאַר יעדער אַזאַ פייערונג ווערן פאָרגעלייענט די ווערק פון געגעבענעם שרייבער.

געזאַנג און מוזיק די סאַנאַטאָריע פאַרמאָגט אַ רייכן רעפּערטואַר פון פאַרשידענע קינדער־ און פאָלקס־לידער. פאַר די 6 יאָר זענען געשאַפן געוואָרן ביז 70 אייגענע לידער פון לעבן פון אַנשטאַלט. מיט אַ באַזונדערן ברען ווערן געזונגען די געלונגענע אייגענע לידער.

די קינדער הערן ראַדיאָ אָדער דעם פּאַטעפאָן — בעתן עסן אָדער וועראַנדירן.

עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ מנהג, אַז די קינדער ווערן אַנטשלאָפן אונטער די קלאַנגען פון מוזיק. עס שפּילט אין קאָרידאָר דער פּאַטעפאָן, און אַמאָל — אַ קינד אָדער אַ לערער אויף אַן אייגענעם אינסטרומענט.

שאַפונגס־אַרבעט די שאַפונגס־אַרבעט פון די קינדער קומט צום אויסדרוק אויף פאַרשידענע געביטן. פאַר די 6 1/2 יאָר האָבן זיך אָנגעזאַמלט צענדליקער ליטעראַרישע אַרבעטן פון די קינדער — אַרטיקלען און וואַנטצייטונגען. דער קינדער־ראַט האָט לעצטנס באַשלאָסן אַרויסצולאָזן אַ געדרוקטע זאַמלונג פון די בעסטע אַרטיקלען און האָט שוין אויף דעם צוועק באַשטימט 100 גילדן פון די פאַרדינסטן פון קאָאָפּעראַטיוו. צווישן די אילוסטראַציעס פון די וואַנטצייטונגען זענען פאַראַן פיל אינטערעסאַנטע צייכנונגען. עס פעלן נישט קיין קאַריקאַטורן אויף די לערער, דאָקטאָר אין פאַרוואַלטער.

זייער אינטערעסאַנט איז די קאָלעקציע אייגענע געשאַפענע לידער (ביי 70), פּאַראָדיעס, ווערטלעך און סצענקעס. ווערטלעך זענען דאָ אין די צענטליקער און זיי גייען איבער פון מויל צו מויל. דאָס פאַרשפּרייטסטע איז: „די סאַנאַטאָריע איז אַ תפיסה, אָבער אַ זיסע”.

פּיעסקעס, געשריבן אויסשליסלעך דורך קינדער, פאַרמאָגט די סאַנאַטאָריע שוין 8. אייניקע פון זיי זענען שוין געשפּילט געוואָרן צו עטלעכע מאָל. דעם גרעסטן דערפאָלג האָט איין פּיעסקע אין 2 אַקטן, וועלכע שילדערט די פאַרלעגנהייט פון אַ ניי־אָנגעקומען קינד, וואָס שטויסט זיך אָן אין סאַנאַטאָריע אויף גאַנץ נייע פאָרמען פון לעבן, נייע מאַכלים, נייע באַגריפן וועגן ריינקייט, טרעפט דאָ פאַרשידענע חיות און געוויקסן. נאָכן אָפּזיין 3 חדשים אין אַנשטאַלט קערט זיך אום דאָס קינד אַהיים און פּרובירט אַלץ איבערטראָגן צו זיך אין שטוב. עס שטויכט זיך אָבער אָן אויף אַ ווידערשטאַנד פון דער מוטער, וועלכע האַלט, אַז דאָס אַלץ איז גוט אין סאַנאַטאָריע, אָבער נישט אין דער היים. די פּיעסקע פאַרמאָגט הומאָר און סצענישקייט.

לעצטנס איז אַנטשטאַנען די פראַגע וועגן נ ע מ ע ן פאַר די פּלעצער, גאַסן און געסלעך אויפן געביט פון דער סאַנאַטאָריע. עס איז צו דעם צוועק דערקלערט געוואָרן אַ קאָנקורס אויף געלונגענע נעמען, און אין רעזולטאַט פון

קאָנקורס האָבן מיר: מיכאַלעוויטש-אַלעיע, מעדעם-פּלאַץ, פּלאַץ פון גוטן אַפּעטיט, פלוידער-ווינקל, חברשאַפט-געסל, פאַרגעסענער ווינקל, פרייהייט-פּלאַץ, שפּיל-פּלאַץ, טעאַטער-פּלאַץ, טשאַפּעס-אַלייע (לעבן דער איזאָלאַציע), פראָמעטעאוס-גאַס (לעבן דער עלעקטראָווניע), נעראָ-ווינקל (נעראָ הייסט דער גרויסער הונט), בענקשאַפט-אַלייע (פונוואַנען מען קוקט אויס די עלטערן אין באַזוך-טאָג).

<u>פּלאַןפונטאַג</u> דער טאָג איז איינגעטיילט אויף אַזאַ אופן:

	ווינטער	זומער
גוט מאָרגן!	6.45	6.30
מעסטן טעמפּעראַטור	6.45–7.05	6.30–7.00
אַ גלאָז מילך, וואַשן זיך, פאַרבעטן די בעטן	7.05–7.45	7.00–7.50
גימנאַסטיק	7.45–8.00	7.50–8.15
שטילע מינוט	8.00–8.01	8.15–8.16
„אונזער ראַדיאָ“	8.01–8.10	8.16–8.25
פרישטיק	8.10–8.30	8.25–8.45
זעלבסטפאַרוואַלטונג (אַרבעט אין די קאָמיסיעס)	8.30–9.15	8.45–9.30
שפּאַציר	9.15–10.00	9.30–10.30
צווייטער פרישטיק	10.00–10.30	10.30–11.00
וועראַנדירן	10.30–12.30	11.00–13.00
מיטאָג	12.30–13.30	13.00–14.00
וועראַנדירן	13.30–15.30	14.00–16.00
פריי	15.30–16.00	16.00–16.30
פאַרנאַכט-עסן	16.00–16.30	16.30–17.00
קלוב, שפּילן	16.30–18.00	17.00–18.30
אָוונט-ברויט	18.00–18.30	18.30–19.00
וואַשן זיך, צוגרייטן די בעטן (זומער — קליינער שפּאַציר)	18.30–19.30	19.00–20.00
אַ גוטע נאַכט!	19.30	20.00

בעת דער פאַרמיטאָגדיקער טעראַסע (וועראַנדירן) קומען פאָר שמועסן, אָפּהאַנדלונגען און האַנט-אַרבעט. בעת דער נאָכמיטאָגדיקער טעראַסע דאַרפן די קינדער די ערשטע שעה זיין אַבסאָלוט רויק (אַ באַדייטנדער טייל שלאָפט). די צווייטע שעה מעג מען לייענען פאַר זיך אַ ביכל. קלוב-צייט זענען די קינדער פולשטענדיק פריי און מעגן טון, וואָס זיי ווילן. פון צייט צו צייט קומען פאָר קאָלעקטיווע שפּילן און לייכטער ספּאָרט. די קינדער זענען געוויינלעך צעשאָטן איבער דער ווילע אָדער שפּיל-פּלאַץ. ווינטער — אין די קלוב-צימערן אָדער אין לייען-זאַל.

„שטילע מינוט" דער קאָלעקטיוווער טאָג הויבט זיך אָן מיט דער שטילער מינוט.

גלייך ווי די קינדער פאַרנעמען די ערטער אין עס-צימער צו פרישטיק (8.00–8.15 פרי), גיט דער פאַרוואַלטער אָדער איינער פון די דערציער אַ צייכן, און אַלע קינדער בלייבן אַ מינוט צייט פולשטענדיק שטיל. די שטילע מינוט ווערט איבערגעריסן מיטן „גוטמאָרגן" אָדער „כּאַווערשאַפט" פון לערער.

די שטילע מינוט — איז די מינוט פון זעלבסטפּאַרטיפונג. בעת דער שטילער מינוט האָבן די קינדער זיך צו פאַרטראַכטן איבער אייגענע איבערלעבונגען, וועגן דער היים ווי אויך וועגן זאַכן, וואָס אינטערעסירן זיי אַמ-מערסטן. די קלענערע קינדער ווערן מיטגעצויגן מיט די גרויסע. בעת דער מינוט הערשט קאָנצענטרירטקייט און ערנסטקייט. פאַרשפּעטיקטע קינדער אָדער דערוואַקסענע בלייבן שטיין אין מיטן גאַנג, ווי נאָר זיי דערהערן דעם צייכן צו דער שטילער מינוט.

איינטיילונג אין גרופּעס און דאָס אַלגעמיינע לעבן

די קינדער זענען איינגעטיילט אין גרופּעס לויטן עלטער — ווינטער אין דריי און זו-מער אין פיר גרופּעס. די צאָל קינדער אין יעדער גרופּע איז אַ וואַקלדיקע. דער גייסטיקער און קולטורעלער ניוואָ פון די גרופּעס ענדערט זיך אַזוי אָפט, ווי עס ענדערן זיך די קינדער. בעסער איז די לאַגע אין דער עלטסטער גרופּע, ווייל די עלטערע קינדער פאַרברענגען גע-וויינלעך אַמלענגסטן אין אַנשטאַלט. דעם טאָן אין די גרופּעס גיבן, פאַרשטייט זיך, די מער אַנטוויקלטע, די מער אינטעליגענטע קינדער. עס פליסן דורך אַנשטאַלט קינדער באַגאַבטע אויף פאַרשידענע געביטן. די טאַלענטירטע קינדער באַרייכערן, באַשענערן דאָס לעבן פון אַנשטאַלט, און יעדע גרופּע שטאָלצירט געוויינלעך מיט אירע אַרויסגעגעבענע כּוחות. יעדע באַזונדערע גריפּע האָט זיך איר קליינע אינערלעכע זעלבסטפאַרוואַלטונג.

מיט יעדער גרופּע פירט אָן אַ דערציער. נייע קינדער ווערן צוגעטיילט צו די גרופּעס דורכן פאַרוואַלטער (אַ לערער). טייל מעת-לעת פאַרברענגען די קינדער בלויז מיט זייערע גרופּעס, און טייל מעת-לעת — מיט אַלע קינדער צוזאַמען. דאָס וועראַנדירן און שפּאַצירן קומען פאָר גרופּעסווייז. פון צייט צו צייט קומען פאָר אַלגעמיינע שפּאַצירן און אַביסל ווייטערע אויספלוגן. אין עס-צימער האָט יעדע גרופּע אירע טישן. עס קאָנען אָבער זיצן איינצלנע קלע-נערע קינדער אויך צווישן די עלטערע — און פאַרקערט. קלוב-צייט פאַרברענ-גען אַלע קינדער צוזאַמען: ווינטער – אין די קלוב-צימערן, זו-מער – אויפן שפּיל-פּלאַץ. די קלענסטע גרופּע האָט זיך איר אייגענעם קלוב-צימער און אייגענעם שפּיל-פּלאַץ.

אינערלעכע ארבעט אין די גרופּעס ביים אָנקומען אין אַנשטאַלט ווערן די נייע קינדער באַגריסט דורכן קינדער־ראַט, וועלכער באַקאַנט זיי מיטן לעבן אין סאַנאַטאָריע. אויפן וואַנט אין קלוב־צימער הענגען „צען געבאָטן" (זע זייט 22) — אַ באַגריסונג פון קינדער־ראַט פאַר די ניי אָנגעקומענע חברים. דערנאָך קומט אין דער גרופּע דאָס גענויע באַקע־נען די קינדער מיטן אַנשטאַלט, מיטן טאָג־פּלאַן, מיט דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, מיט באַזונדערע איינריכטונגען און אָרדנונג אין אַנשטאַלט. גרויס אַכט ווערט געלייגט אויפן גאָרטן, קלאָמבען מיט בלומען, בעלי־חיים, — די יידישע קינדער אַלס שטאָטישער עלעמענט זענען דאָך זייער ווייט פון דער לעבעדיקער נאַטור.

דער דערציער באַמיט זיך צו באַקענען זיך מיטן קינד, מיט זיין היים, מיט די פאַרהעלטנישן און לאַגע אין שטוב. דאָס באַקענען זיך קומט פאַר אין דער גרופּע, און דערנענטערט די קינדער איינס צום צווייטן.

די קינדער קומען פון פאַרשידענע היימען און טיפן שולן. חוץ פון די יידיש־וועלטלעכע שולן, קומען דאָ קינדער פון די „פּאָוושעכנע" שולן, מיטלשולן, חדרים און „תרבות"־שולן. פאַרן גרעסטן טייל קינדער זענען ניי די באַציונגען צווישן לערער און קינד, ניי די איינריכטונגען, די זעלבסטפאַרוואַל־טונג און די טעמעס פון די שמועסן.

אין די גרופּס ווערן סיסטעמאַטיש פאָרגעלייענט ליטעראַרישע ווערק, דער־ציילונגען, קינדער־צייטונגען. עס ווערט אויך דורכגעאַרבעט און אַרומגערעדט דער מאַטעריאַל פון נאַטור־ווינקל אָדער פון גאָרטן. אין באַשטימטע טעג ווערט געפירט האַנט־אַרבעט. בעת די שמועסן ווערן מצד די קינדער אַרויסגערוקט פאַרשידענע פראַגן און טעמעס, וועלכע ווערן דאָ באַהאַנדלט. יעדע גרופּע דאַרף אויך צוגרייטן איר טייל פּראָגראַם צו דער פאַרווייל־ונג אָדער פייערונג. מיט איין וואָרט, אַרבעט און אינטערעסן אַ סך, און צייט — ביז גאָר ווייניק.

עס־צימער אין עס־צימער קומען זיך צונויף אַלע קינדער און פאַר־ברענגען דאָ ביז 2 שעה טעגלעך. עס ווערט דעריבער געלייגט אַכט אויפן פאַרהאַלטן זיך דאָ פון די קינדער ווי אויך אויף דעם, אַז דער צייט־פאַרברענג אין עס־צימער זאָל זיין וואָס אנגענעמער. ביים אַריינגאַנג אין עס־צימער שטייט אַן אויפזעער פון דער וואַש־קאָמיסיע און קאָנטראָלירט יעדן, צי ער האָט געוואַשן די הענט. דאָס ווערט געטאָן צוליב דעם, וואָס פאַרשפּע־טיקטע קינדער לויפן גלייך אין עס־צימער מיט נישט געוואַשענע הענט.

קיין פאַלן פון אָפּנאַרן דעם אויפזעער טרעפן כמעט נישט.

ביי יעדן טיש זיצט עמיצער פון פּעדאַגאָגיש־מעדיצינישן פּערסאָנאַל. דער טעכנישער פּערסאָנאַל (חוץ די, וועלכע זענען בעתן עסן פאַרנומען ביי דער אַרבעט) עסט צוזאַמען מיט די קינדער. אַלע דערוואַקסענע אָן אויסנאַם

טישן־אויפזעער גרייטן צום מיטאג

מען עסט אונטערן פרייען הימל

מען הָוידעט זיך

דאָס קליינוואַרג שפּילט זיך אין זאַמד-קאַסטן

אונזערע קליינטשינקע מיט זייער דערציערין

די עלטסטע קינדער רוען אויפן גראָז

באַקומען דאָס זעלבע עסן, וואָס די קינדער. איינצלנע קינדער באַקומען עסן לויט אַ פאָרשריפט פון דאָקטאָר.

מיטן אָנהויבן עסן וואַרטן די קינדער אויפן „עלטסטן” ביים טיש. פעלט אַ לערער ביים טיש, פאַרנעמט זיין אָרט אַן עלטער קינד אָדער דער טיש־אויפזעער.

די קינדער פאַרלאָזן דעם טיש נאָך דעם, ווי דער לערער זאָגט אַ דאַנק און הויבט זיך אויף פון זיין אָרט. יעדער דאַרף איבערלאָזן זיין טייל טיש ריין, דער טיש־אויפזעער — דעם גאַנצן טיש. עס קומט אויס צו קעמפן מיט איינצלנע קינדער, באַזונדערס די ערשטע טעג נאָך זייער קומען, פאַר „אַלץ אויפעסן”. איבערלאָזן עסן – מעג מען נאָר מיט דער דערלויבעניש פון לערער אָדער פונם דאָקטאָר. צווישן איין געריכט און דעם צווייטן זינגט מען געוויינלעך סאַנאַטאָריע־לידער. אין עס־צימער ווערט בכלל אַ סך געזונגען, טיילמאָל שפילט דער פּאַטעפאָן אָדער מען הערט ראַדיאָ־מוזיק. זומער־ עסט מען אין דרויסן.

שלאָף־צימערן די שלאָף־צימערן זענען ספּעציעל געבויט קליינע – פון 3 ביז 5 בעטן אין אַ צימער. אין עטלעכע גרעסערע צימערן שלאָפט הויפּטזעכלעך דאָס קליינוואַרג. די קינדער בלייבן אין די שלאָף־צימערן אַליין, אָן די לערער. עס שלאָפן דאָ גרעסערע מיט קלענערע צוזאַמען. דער פּערסאָנאַל שלאָפט אין שכינותדיקע צימערן. אויף יעדן שטאָק מוז זיך געפינען ביינאַכט אַ לערער אָדער סאַניטאַרין [ביי זיך אין די צימערן]. יעדער שלאָף־צימער האָט זיינעם אַן־אויפזעער, געוויינלעך אַן עלטער קינד. דער אויפזעער גיט אכטונג אויף דעם, אַז די אָרדנונג אין שלאָף־צימער זאָל אָפּגעהיט ווערן. חוץ דעם זענען דאָ שטאָקן־אויפזעער, געוויינלעך קינדער פון קינדער־ראַט.

פאַרן שלאָפן־גיין, בעת די קינדער ליגן שוין אין די בעטן, קומט אַריין אַ דערציער — זאָגן די קינדער אַ „גוטע נאַכט”. דערביי, פאַרשטייט זיך, קאָנטראָלירט ער, צי די קינדער ליגן באַקוועם, צי די זאַכן ליגן גוט צוזאַמענגעלייגט א. אַ. וו. דער לערער כאַפּט טיילמאָל אַ שמועס, טיילמאָל דערציילט ער אַ מעשהלע, שפּילט אויף אַן אינסטרומענט און לעשט אויס די עלעקטרי. נאָכן „אַ גוטע נאַכט” ביזן „גוט מאָרגן” פון לערער פון דער סאַניטאַרין, וועלכע קומט אין דער פרי מעסטן טעמפּעראַטור, טאָרן די קינדער נישט רעדן צווישן זיך, שוין אָפּגערעדט פון שטערן. אויף דעם גיט אַכטונג דער אויפזעער.

פאַר די זעקס אַ האַלב יאָר זענען דורכגעגאַנגען דורך דעם אַנשטאַלט ביי פיר טויזנט קינדער [יינגלעך און מיידלעך], און ביז איצט איז נישט געשען קיין שום פאַל — פאַר וועלכע מען האָט געוויינלעך מורא ביים איבערלאָזן קינדער אַליין אין שלאָף־צימער.

פּערסאָנאַל דער פּערסאָנאַל באַשטייט פון אַ פּאַרוואַלטער, צוויי דאָקטוירים, 4 סאַניטאַרינס, 5 (זומער 6) לערער-דערציער, 1 ווירטין און 15 ביז 18 פּערזאָן — טעכנישער פּערסאָנאַל. די אָנפירונג פון אַנשטאַלט ליגט אין די הענט פון אַ קאָלעגיע אין וועלכער עס גייען אַריין דער פּאַרוואַלטער, דאָקטאָר, עלטסטער דערציער און אַ פּאָרשטייער פון דער פּאַרוואַלטונג. דער לעצטער – אַליין אַ פּעדאַגאָג און דערציער — שטייט בראש פון אַנשטאַלט פון ערשטן טאָג אָן.

זיצונגען פון פּעדאַגאָגישן ראַט קומען פאָר נאָרמאַל איין מאָל אין וואָך. באַזונדערע זיצונגען פון פּעדאַגאָגיש-מעדיצינישן ראַט ווערן געווידמעט טעאָרעטישע פראגן. אַ פּאַרטרעטער פון טעכנישן פּערסאָנאַל באַטייליקט זיך אין פּעדאַגאָגיש-מעדיצינישן ראַט מיט שטים-רעכט. דער טעכנישער פּערסאָנאַל ווערט ווי ווייט מעגלעך אויך אַריינגעצויגן אין אַלע פראַגן פון אַנשטאַלט. די טעכנישע מיטאַרבעטער צוגלייך מיט די לערער, סאַניטאַרינס און דאָקטאָר, האָבן שטים-רעכט אויף די וועכנטלעכע פּאַרזאַמלונגען פון די קינדער.

דער לערער-עלעמענט איז אַ יינגער, אַ אידעאַליסטישער, און איז פול מיט ברען צו דער אַרבעט. אין גרעסטן טייל זענען דאָס אַביטוריענטן פון יידישן לערער-סעמינאַר אין ווילנע. פון צייט צו צייט ווערן איינגעלאַדן ספּעציאַליסטן אויף פאַרשידענע געביטן. — עס קומען אויך פאָר, נישט זעלטן, זיצונגען פון גאַנצן פּערסאָנאַל פון אַנשטאַלט, אויף וועלכע עס ווערן באַהאַנדלט פראַגן פון דערציונג, היגיענע, אָרדנונג און געזעלשאַפטלעכער לאַגע פון אַנשטאַלט. עס ווערן טיילמאָל אויך געהאַלטן רעפעראַטן פאַרן גאַנצן פּערסאָנאַל.

איינצלנע פון טעכנישן פּערסאָנאַל באַקומען מיט דער צייט אַ סך פּאַרשטענדניש פאַר פראַגן פון דערציונג, היגיענע און קולטור. רייבונגען צווישן פּערסאָנאַל ווערן געוויינלעך אויסגעגליכן דורך דער קאָלעגיע.

נישטאָ קיין שטראָפן קיין שטראָפן און קיין שטראָף-קאָדעקס עקזיסטירן ביי אונז נישט. סכסוכים אָדער קריגערייען צווישן קינדער קומען דאָ פאָר זייער זעלטן. דערביי נעמען זיי קיינמאָל נישט אָן קיין גאָר ערנסטן כאַראַקטער. קומען זיי יאָ פאָר, ווערן זיי גלייך דערליידיקט דורך די לערער אָדער דורכן קינדער-ראַט.

די גרעסטע שטראָף (אָדער באַלוינונג) פאַר אַ קינד באַשטייט אין דעם, וואָס „אונזער ואַדיאָ" טאַדלט (אָדער לויבט) די האַנדלונג פון קינד. אין באַזונדערע פאַלן טרעפט, אַז אַ קינד ווערט איבערגעזעצט אויף אַ צווייט אָרט ביים טיש, אָדער איבערגעטראָגן אין אַן אַנדער שלאָפצימער. דאָס ווערט באַטראַכט נישט אַלס שטראָף, נאָר אַלס מיטל צו באַזייטיקן אַ שטערער. פילט זיך דאָס קינד פון דעם שטאַרק געטראָפן און עס זאָגט צו מער נישט צו שטערן, ווערט אים גלייך געגעבן די מעגלעכקייט זיך אומצוקערן אויף זיין פריערדיק אָרט.

ג י י ס ט אין אַנשטאַלט הערשט דער זעלבער גייסט, וואָס אין אַלע אַנשטאַלטן פון דער יי. ש. אָ. דאָס איז דער גייסט פון וועלטלעכקייט, אַרבעט און פרייהייט. דאָ ווערט אָפּגעהיט די אייגנאַרטיקייט און זעלבשטענדיקייט פונם קינד, אָבער אויך די הייליקייט פון געמיינזאַמען אינטערעס.

דער קאָלעקטיוויסטישער גייסט איז דער יסוד פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג און פון גאַנצן אַנשטאַלט. אין אַנשטאַלט הערשט דער גייסט פון גרויסן **וולאַדימיר מעדעם.**

ד ע ר ג ר י י כ ו נ ג ע ן די נאַטירלעכע באַציִונג צום קינד, דאָס אומבאַגרענעצטע און גוט עסן, די באַקוועמלעכקייטן און דאָס אַלגעמיינע לעבן פון אַנשטאַלט ווירקן אַזוי, אַז די נייע קינדער אַסימילירן זיך שנעל אין דער צאַרטיקער סביבה. יעדעס קינד האָט אַ פעלד פאַר זיינע פאַראינטערעסירונגען און נויגונגען. יעדער דערוואַקסענער באַציט זיך דאָ מיט אַכטונג אין פאַרשטענדניש פאַרן קינדס פאַרלאַנגען, ווונטשן און פעאיקייטן. נישטאָ דאָ, ווי ווייט מעגלעך, קיין וואַנט צווישן דערוואַקסענעם און קינד און אַוודאי נישט קיין קאַמף צווישן זיי. די קינדער באַציִען זיך מיט צוטרוי צו די דערוואַקסענע און גיבן זיך לייכט אונטער זייערע איינפלוסן. קינדער אויסגעהונגערטע, פאַרשמאַכטע און פאַרפאָלגטע – בליִען זיך דאָ פּאַנאַנדער פיזיש און גייסטיק. די קינדער בינדן זיך אַזוי צו צום אַנשטאַלט און צו די לערער, אַז עס איז גענוג אַ באַוועגונג אָדער אַ וואָרט, כדי צו באַהערשן דעם גאַנצן עולם. צווישן די קינדער און לערער הערשן קעגנזייטיקע אַכטונג, האַרציקייט און אַפילו שטאַרקע ליבע פון איינעם צום צווייטן. דער גרעסטער טייל קינדער פאַרלאָזט דעם אַנשטאַלט מיט טרערן אין די אויגן. פיל קינדער קאָרעספּאָנדירן כסדר מיט די לערער. די צוגעבונדנקייט צום אַנשטאַלט איז אַזוי שטאַרק, אַז די געוועזענע סאַנאַטאָריסטן פון וואַרשע האָבן געגרינדעט אַ פאַרבאַנד אונטערן נאָמען „קינדער–פריינט פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע”. מיטגלידער פון פאַרבאַנד באַטייליקן זיך אין יום־טובים און אונטערנעמונגען פונם אַנשטאַלט.

די קינדער מאַכן דאָ דורך אַ פּראַקטישע שול פון היגיענע און קולטורעלע פאָרמען פון לעבן. זיי לערנען זיך דאָ אויס און געוויינען זיך צו האַלטן זיך ריין און אויסערלעך קולטורעל. קומענדיק צוריק אַהיים, אָרדנען זיי איין ביי זיך אַ „סאַנאַטאָריע”: מען האַלט כסדר אָפן די פענסטער, מען וואַשט זיך דעם גאַנצן קערפּער, מען לערנט דער מאַמע האַלטן ריין און וואַשן די קינדער, מען גרייט שיין צום טיש, מען גייט פרי שלאָפן און מען זינגט סאַנאַטאָריע־לידער. דער הונגער, נויט און ענגשאַפט אין שטוב לאָזן אָבער נישט די קינדער פאַרווירקלעכן זייערע פּלענער... עס בלייבט ביי זיי אַ בענקשאַפט, אַ שטרעבונג צו אַ בעסערן לעבן...

באַגריסונג פון קינדער - ראַט פאַר ניי - אָנגעקומענע חברים

זייַ געגריסט, ניי-געקומענער חבר!

1. דאָ איז די מעדעם-סאַנאַטאָריע. אַלע זענען דאָ חברים. די מעדעם-סאַנאַטאָריע איז אויפגעבויט געוואָרן דורך די יידישע אַרבעטער. זי טראָגט דעם נאָמען פון גרויסן אַרבעטער-פירער, בויער פון דער יידישער פאָלקס-שול וול. מעדעם.
2. באַקאָן זיך דאָ מיט אַלעמען. פרעג זיך פאַנאַנדער ווי אַזוי מען פאַרברענגט דעם טאָג אין סאַנאַטאָריע.
3. קוק זיך צו, ווי ריין עס איז דאָ אין יעדן ווינקעלע. זאָלסט אויך היטן אומעטום די ריינקייט.
4. דערוויס זיך: ווו און ווי אַזוי די קינדער האַלטן זייערע זאַכן: בגדים, וועש, שיך, ביכלעך, בלייפעדערס, העפטן א. ד. גל.
5. קומסט אַריין אין עס-צימער, געדענק: עס וואָס מער און רעד וואָס ווייניקער.
6. דאָ איז דאָ אַ זעלבסטפאַרוואַלטונג פון קינדער. בעט עמיצן פון דיינע נייע חברים, ער זאָל דיך באַקענען מיט אונזער זעלבסט-פאַרוואַלטונג, מיט דעם קינדער-ראַט.
7. ווער אַ מיטגליד אין קאָאָפּעראַטיוו.
8. פאַרשרייב זיך אין ביבליאָטעק, וועסטו באַקומען ביכער צום לייענען.
9. איצט ביזטו דאָ אַ גלייכער חבר מיט אַלעמען. אויב מען וועט דיר אָנטרויען אַ באַשטימטע אַרבעט, פיר זי אויס פּינקטלעך, מיט איבערגעגעבנקייט און ליבע צו דער מעדעם-סאַנאַטאָריע.
10. זייַ געגריסט!

קינדער-ראַט

פרעסע און אָנגעזעענע פערזענלעכקייטן וועגן דער מעדעם-סאַנאַטאָריע

„נאַש פשעגלאַנד" (1927)

„די קינדער, וואָס געפינען זיך אין אַנשטאַלט, בילדן אַ זעלבסטפאַרוואַלטונג. אונטער זייער אויפזיכט געפינט זיך די גאַנצע אינסטיטוציע. און דאָס גאַנצע לעבן אין אַנשטאַלט איז אַזוי איינגעשטעלט, אַז אין אַלע אַרבעטן אין דער אַדמיניסטראַציע, אין דער ווירטשאַפט נעמען די קינדער אַ לעבהאַפטן אָנטייל. אין גאַנצן אַנשטאַלט הערשט אַ מוסטערהאַפטע אָרדנונג, אויף יעדן טריט באַמערקט זיך דער סך-הכל פון דער גרויסער און אומדערמידלעכער אַרבעט פון די אָנפירער.

אין דער צייט, וואָס די קינדער פאַרברענגען אין מיעדזעשין, זענען זיי באַפרייט פון שול-אַרבעטן און פאַרנעמען זיך מיט גרויס ליבע מיט דער לערע פון נאַטור-וויסנשאַפט. ביים אַנשטאַלט עקזיסטירט אַ ביאָלאָגישער קאַבינעט, אין וועלכן די קינדער האַלטן אַלע זייערע „אַנטדעקונגען", און ער זאָגט עדות וועגן דער גרויסער פאַראינטערעסידונג פון די קינדער מיט אַלעם וואָס טוט זיך אַרום.

דער מוסטערהאַפט-איינגעאָרדנטער און אין גלענצנדן צושטאַנד געהאַלטענער גרינוואַרג-גאָרטן, אין וועלכן אַ טייל אַרבעט פירן אויס די קינדער, באַווייזט ווידער די געהעריקע אָנפירונג אין אַנשטאַלט".

ניו-יאָרקער טאָג 1928

„איך גיי פון צימער צו צימער. אַלץ בלאַנקט. די קינדער-קאָמיסיעס טוען זייער זאַך בשלמות. דאָ געוווינט מען צו נישט נאָר צו דער נאַטור, צו הונט און האָן, צו טויב און בוים — דאָ לערנט מען אויך די תורה פון דיסציפלין... די מעדעם-סאַנאַטאָריע אונטער וואַרשע געהערט צו דעם אַקטיוו פון דער יידישער וועלטלעכקייט. עס איז איר פאַרדינסט"...

נייע פאָלקסצייטונג 1929

„....קוקסט בעתן עסן אויף די קינדער און זעסט, ווי קיינער פון זיי כאַפּט נישט דאָס עסן, קיינער איילט זיך נישט שנעלער אויפצועסן, יעדער רוקט אונטער

פריער דעם חבר, יעדער באַמיט זיך צו נעמען זיין חלק דער לעצטער, און דאַמאָלט ערשט באַנעמסטו ווי וויכטיק עס איז אין לעבן צו זיין זאַט... און טראַכסטו וועגן קאָלעקטיוון גייסט, וואָס הערשט צווישן די קינדער, און וועגן דעם, וואָס די קינדער שלאָגן און קריגן זיך דאָ אַזוי זעלטן, קומסטו צום אויספיר, אַז קאָלעקטיוויזם הויבט זיך אָן דאָרט, וווּ איינער רייסט נישט דעם צווייטן דעם ביסן ברויט פון מויל״.

אונזער עקספּרעס 1929

„...און פון דעסטוועגן, ווען איך האָב מיט דער פרעסע-עקסקורסיע פאַריקן פרייטיק באַזוכט די מעדעם־סאַנאַטאָריע, האָב איך מיך טאַקע איבערצייגט, אַז איך האָב קיין צענטחלק זיך נישט פאַרגעשטעלט פון דער שיינקייט, באַקוועמלעכקייט און נוצלעכקייט ווי עס איז אין דער ווירקלעכקייט... פון דעסטוועגן פאַסן זיך צו די דאָזיקע קינדער זייער גיך צו דער אָרדנונג און צו די היגיענישע פאָדערונגען פון דעם אַנשטאַלט. די קינדער אַליין היטן אָפּ די ריינקייט און די אָרדנונג. עס האָט נאָך נישט פּאַסירט, אַז אַ קינד זאָל אויסרייסן אַ בלימל, אָנשרייבן אויף דער וואַנט, אָדער עובר זיין אויף דער שטרענגער דיסציפּלין, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן. דאָס איז דערפאַר, וואָס די קינדער האָבן פולשטענדיקע פרייהייט, זיי האָבן אַן אייגענע זעלבסטפאַרוואַלטונג, וועלכע זאָרגט פאַר אַלץ, פירט אָן מיט אַלעם און איז פאַר אַלץ פאַראַנטוואָרטלעך״.

ר אַ ד י אָ 1929

„צו איינער פון די בעסטע קינדער־אַנשטאַלטן אין פּוילן געהערט אָן שום ספק די מעדעם־סאַנאַטאָריע״.

מ אָ מ ע נ ט 1930

„...יעדעס מאָל ווען מיר קומען צו דעם דאָזיקן קינדער־מלכות, ווערט פון איין זייט לייכטער אויפן האַרצן, וואָס מיר פאַרמאָגן אַזאַ פּראַכטפולע אינסטיטוציע, און פון דער צווייטער זייט ווערט שווער אויפן האַרצן, וואָס מיר האָבן בלויז איין איינציקע קינדער־סאַנאַטאָריע... באמת איז די קינדער־סאַנאַטאָריע אין מיעדזעשין אַ צירונג צווישן אַלע קינדער־אַנשטאַלטן, וואָס מיר פאַרמאָגן אין וואַרשע״...

„אַנאַלען דער געמיינווירטשאַפט״, גענף 1929

„...איך האָב געזען די סאַנאַטאָריע פון ד״ר ראָליע אין דער שווייץ, וואָס געהערט צו די בעסטע אין דער וועלט. מיטן לוקסוס און קאָמפאָרט אין דער איינריכטונג ווייקט עס אין פאַרגלייך מיטן אַנשטאַלט אין מיעדזעשין — ווי אַ קייזער־

ליבער פּאַלאַץ אַקעגן אַ פּיעריש הייזל. אָבער וואָס שייך די ריינקייט, איז דער מיעדזעשינער אַנשטאַלט געווים נישט הינטערשטעליק... אַזאַ ריינקייט איז נאַטירלעך נאָר אַ פּועל יוצא פון אַ פאַרשטענדניספולער אָרדנונג, וואָס קען די קינדער שטרענג און דאָך גוטזיליק און פריילעך האַלטן".

ד"ר ישׂראל רובין, בערלין

„...אַ פּעדאַגאָג, ווען ער קומט אין דער סאַנאַטאָריע, פאַרווונדערן אים די גרויסע, ממש אומבאַגרייפלעכע פּעדאַגאָגישע דערגרייכונגען... און דאָך איז דאָ דוקא יאָ דורכגעפירט סיי קאָלעקטיווע דערציונג און סיי קינדערשע זעלבסטפאַר-וואַלטונג און דורכגעפירט אַזוי גוט און פולשטענדיק, אַז הלואי אויף פיל אַנשטאַלטן מיט אַ שטענדיקן קינדער-עלעמענט געזאָגט געוואָרן!... און דאָ אין דער מעדעם-סאַנאַטאָריע זעען מיר אַ ווונדערלעך צוזאַמענגעזונגענעם דערציערישן כאָר, ווו יעדער פון די כאָריסטן איז ערשט נעכטן — אייערנעכטן אַהערגעקומען און וועט פון דאַנען שוין מאָרגן — איבערמאָרגן אַוועקגיין. איז עס נישט קיין וונדער? אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער זענען דאָ פיל אַנשטאַלטן, וואָס ווילן דאָס אייגענע דערגרייכן. אַ וויקערסדאָרף-אַנשטאַלט, לאָמיר זאָגן, פון באַקאַנטן גוסטאַוו וויניקען אָדער אַן אַנשטאַלט פון פאַול געהייב האָבן דאָך אַ שטענדיקן קינדער-עלעמענט און אַפילו זיי, אָט די מער-באַגינסטיקטע אַנשטאַלטן — דאָס באַהויפּט איך אויפן גרונט פון אוממיטלבאַרער באָאָבאַכטונג—האָבן נישט דערגרייכט אין פרט פון קאָלעקטיווער דערציונג און קינדערשער זעלבסטפאַרוואַלטונג, וואָס די ווייניקער באַגינסטיקטע מעדעם-סאַנאַטאָריע.

מעג טאַקע אונזער מעדעם-סאַנאַטאָריע פאַרדינטערהייט זיין אַ פּעדאַגאָגישער מורה-דרך ווייט-ווייט מחוץ די פּוילישע גרענעצן".

מאָמענט 1931

„...צו די געציילטע יידישע אַנשטאַלטן, וואָס רופן אַרויס ביי אַלעמען אַנט-ציקונג — געהערט די מוסטערהאַפטע מעדעם-סאַנאַטאָריע אין מיעדזעשין..."

„נאַש פשעגלאָנד" 1931

„...דאָס אַלץ פילט אויס מיט אַ טיפן אינהאַלט די צייט פונם קינד אין אַנשטאַלט און טיילמאָל קלעקט נישט דערויף דער טאָג, טיילמאָל פאַרשפּעטיקט זיך די רעדאַקציע פון דער וואַנט-צייטונג אַרויסצוגעבן דעם נומער, ווייל עס האָט פאַרפעלט צייט אָנצושרייבן אַן אַרטיקל... יעדעס קינד פילט דעם חוב צו זאָרגן פאַר דער אָרדנונג און פאַרן אַלגעמיינעם וויל. כמעט אַלע קינדער נעמען אָנטייל אין די אַרבעטן פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג. דאָס נישט-אויספירן וועלכע נישט

איז פליכט באַמערקט זיך גלייך אין לעבן פון אַנשטאַלט. דאָס דערציט אינם קינד אַ געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט...״

„מאַנטשעסטער גאָרדען״. ענגלאַנד 1930

„...דער גייסט מיט וועלכן דער אַנשטאַלט איז דורכגעדרינגען, איז — צופרידנקייט, פרייהייט און קעגנזייטיקע הילף. די סיסטעם פון דערציאונג איז די מאָדערנסטע. די פּראָבלעם איינצוהאַלטן דיסציפּלין אָן שטרענגקייט איז דאָ פולקאָם געלייזט געוואָרן. די סיסטעם איז אַ וועלטלעכע...״

„איזראַעליטישעס וואָכענבלאַט פיר די שווייץ״ 1930

„...דער הויכער מאָראַלישער ניוואָ ווערט דערגרייכט מיט דער מעטאָדע פון אַ קינדער-זעלבסטפאַרוואַלטונג. וואָס דערציט אין זיי אָן צוואַנג — דיסציפּלין, פאַראַנטוואָרטלעכקייט-געפיל, סאָציאַלן זין און ליבע צו אָרדנונג״.

„אָפּיעקאַ נאַד דזשיעצקעם״ 1930

„...די שטימונג פון די קינדער איז אַ גלענצענדע: אָרדנונג ביים טיש, דרך-ארץ, ריינקייט פאַרפליכטעט שטענדיק און אומעטום, אָבער די בליקן — עס פילט זיך אין זיי מער אַפילו ווי דאַנקבאַרקייט: עס פילט זיך אַן אויפריכטיקע ליבע צו די דערציער. די עלטערע קינדער העלפן גערן ביים מעסטן די טעמפּעראַטור (אַלעמען — 2 מאָל טעגלעך), אָרגאַניזירן פאַרש־דענע קאָמיסיעס, וואָס היטן די אָרדנונג, די ריינקייט פון לאָקאַל און פערזענלעכע היגיענע; די דיזשורן ווערן פלייסיק אָפּגעהיט — מיט איין וואָרט — אַ קינדערשע זעלבסטפאַרוואַלטונג כלומרשט אַן ערנסטע, אָבער פריילעך, פרייוויליק, אָן אַ פּייך...״

„ליער נוועל״, גענף, (זשורנאַל געווידמעט דער נייער דערציונג 1930)

„...דאָס, וואָס איז באַמערקנסווערט אינ׳ם דאָזיקן סאַנאַטאָריום, איז קודם כל די זעלבסטפאַרוואַלטונג. אַלץ ווערט דאָרט געאָרדנט דורך קינדער-קאָמיסיעס, און דאָס באַגייסטערט נאָך מער ווען מען ווייסט, אַז די „עלטסטע״ זענען דאָרט פון 15 טעג ביז דריי וואָכן...״

„לאַ קאַלטורא פּאָפּאָלארע״, (איטאַליענישער זשורנאַל געווידמעט די פראַגן פון פאָלקס-דערציונג 1930)

„...אָבער דער הויפּט-ווערט באַשטייט דערין, וואָס צווישן די קינדער הערשט

דאָס געפיל פון פאראנטוואָרטלעכקייט, סאָלידאריטעט, קאָלעקטיווקייט, גערעכטיקייט, אַרבעט און איניציאַטיוו..."

„זשיציע נאָוטשיטשעלסקיע" (אָרגאַן פון לערער־פאַריין פון די פּאָוושעכנע שולן אין פּוילן 1931)

„...דאָס באַזוכן דעם אנשטאַלט איז פאַר אונז, אלס לערער, געווען אומגעהויער אינטערעסאַנט. כאַראַקטעריסטיש פאַר דער סאַנאַטאָריע איז דאָס, וואָס זי איז גלייכ־צייטיג אַ הייל־ און דערציונגס־אנשטאַלט, דערביי איז די דערציונגס־פראַגע, דאָס דערציונגס־פּראָבלעם אויפגעשטעלט אויף אַ אומגעהייער הויכן ניוואָ..."

„וויאַדאָמאָשטשי קאַס כאָריך"

(ידיעות פון די קראנקן־קאַסעס 1931)

„...די מוסטערהאַפטע אָרדנונג, די זאָרגפולע און אויף אַ מאָדערנעם ניוואָ אויפגעשטעלטע הייל־פעדאַגאָגישע אַרבעט, וואָס באַנוצט זיך מיט אָריגינעלע מע־טאָדן, ווי למשל דאָס איינפירן די א. ג. קינדער־זעלבסטפאַרוואַלטונג, דאָס בכדרדיקע פאַרנעמען דעם קינדס אויפמערקזאַמקייט, כדי עס זאָל נישט קענען טראַכטן וועגן זיין קרענק און נישט אַריינפאַלן אין אַ שפּיטאָל־שטימונג — דאָס אַלץ פאַרדינט גרויסע אנערקענונג..."

פאָרווערטס (ניו־יאָרק 1931)

„...אויב איר וועט אַמאָל זיין אין וואַרשע, פאַרגעסט נישט צו באַזוכן די מעדעם־סאַנאַטאָריע. איר וועט פון איר אַ סך גאָר אַ סך לערנען. די מעדעם־סאַ־נאַטאָריע איז באַרימט מיט איר פירונג, מיט אירע איינאָרדנונגען, מיט אירע דער־ציונגס־מעטאָדן און מיט איר ווירקונג, וואָס זי האָט אויף די קינדער סיי פיזיש סיי גייסטיק..."

„וויכאָוואַוצאַ" (זשורנאַל פון פראָפ. פאַריין פון דערציער 1931)

„די קינדער־סאַנאַטאָריע אין מיעדזעשין וועט ווערן אַ מוסטערהאַפטער הייל־דערציערישער אנשטאַלט, וואָס אייראָפּע וועט אונז מקנא זיין..."

ווילנער טאָג (1932)

„...אַ דאַנק די שטענדיקע זוכענישן נאָך עפּעס העכערן און בעסערן, איז דער אנשטאַלט געוואַקסן און האָט אין אַ קורצער צייט זיך דערהויבן צו אַ הויכער מדרגה, וואָס קען, ווי געזאָגט, זיין אַ באַלערנדיקער ביישפּיל פאַר הייל־ און פּעדאַ־גאָגיש־דערציערישער אַרבעט..."

ביניש מיכאַלעוויטש

„אַ מוטיקונג פאַר אונזער אַרבעט, אַ ברענענדיקער פאָרוואָרף פאַר אונזערע קעגנער“.

דר, באָגוצקי (וויצע-פּרעזידענט פון ווארשע)

„איך האָב באַזוכט די קינדער-סאַנאַטאָריע און בין געבליבן אַנטציקט מיט דער דערציאונג-סיסטעם אין דער סאַנאַטאָריע“.

שלום אַש

„איך בין אָנגעוואַרעמט געוואָרן פון דעם הייליקן פייער פון יידישן אידע-אַליזם, וואָס ברענט אין די הערצער פון די, וואָס פירן דעם אַנשטאַלט. אַ דאַנק!“

אַרצישעווסקי (פּ, פּ. ס,-דעפּוטאַט)

„מיט פאַרגעניגן האָב איך באַזוכט די מעדעם-סאַנאַטאָריע, געזען אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן, וועלכע איך וועל זיך באַמיען אַנצווענדן אין דער אַרבעטער-געזעלשאַפט פון קינדער-פריינט“.

דר. וורצַאַטשינסקי (לייטער פון געזונטהייטס-אָפּטיילונג ביים וואַרשעווער מאַגיסטראַט)

„דעם 10 מאַי 1929 האָב איך באַזוכט די סאַנאַטאָריע און שטעל פעסט, אַז די קינדער ווערן זאָרגפעלטיק געהאַלטן, פרייליך און זענען גוט דערנערט. די שלאָף-צימערן — אין אַ מוסטערהאַפטער אָרדנונג... די דערציונגס-ענינים ווערן זאָרגפעלטיק דורכגעפירט“.

פּראָפעסאָר ליבמאַן-הערש (פּראָפע-סאַר אין זשענעווער אוניווערזיטעט)

„איך האָב געלייענט און געהערט וועגן דער מעדעם-סאַנאַטאָריע. איך בין אָבער גליקלעך, וואָס איך בין זוכה געווען זי צו זען מיט מיינע אויגן. דיווירקלעכקייט שטייגט ווייט אַריבער, וואָס איך האָב זיך פון וווייטנס פאָרגעשטעלט. די אויסערגעוויינלעכע זויבערקייט ביי דער זיכטבאַרער אָרעמקייט, די וווּנדערבאַרע האַלטונג און די שטימונג פון די קינדער קענען דינען אַלס מוסטער פאַר די בעסטע איינריכטונגען אויף דעם זעלבן געביט. געבענטשט זענען די בויער און די אַרבייטער פון דער מערעם-סאַנאַטאָריע. זאָל זי בליען און וואַקסן און העלפן האָ-דעווען אַ געזונטן דור פון אונזערע אַרבעטער“.

פּ. כ"ץ (רעדאַקטאָר פון „די פּרעסע" אין אַרגענטינע)

„די סאַנאַטאָריע איז פאַר מיר אַ טרייסט נאָכדעם, ווי איך האָב געזען די נויט און עלנט אין די ענגע הוינונגען פון דער ווארשעווער אָרעמקייט. איך וועל דערמיט אויך טרייסטן די לייענער פון מיין צייטונג, וועלכע הערן פון פוילן נאָר אומעטיקע גרוסן, און וועל פאָדערן זייער מיטהילף צו דעם וויכטיקן ווערק"

א. הארקאווי (באַרימטער פילאָלאָג), ניו-יאָרק

„היינט האָב איך געהאַט די זכיה צו באַזוכן די סאַנאַטאָריע פון וו. מעדעם. דער אנשטאַלט האָט אויף מיר געמאַכט אַ רושם, וואָס איך קען גישט איבערגעבן על רגל אחת. — עס וואָלטן זיך געפאָדערט פיל ווערטער, זייער פיל דאָס צו טאָן. איך וועל נאָר זאָגן, אז אַלץ, וואָס איך האָב דאָ געזען, דאַרף זיין אַ מוסטער פאַר אַלע אנשטאַלטן, וואָס אונזערע יידן פון היינטיקן דור בויען און טראַכטן צו בויען פאַר דעם וואויל פון דער יוגנט".

פּאָל פּאַשע (דירעקטאָר פון פּראַנצויזישן ביוראָ פאַר דערציונג)

„פילנדיק די אויסערגעוויינלעכע מענטשלעכקייט, וואָס הערשט אין דער אַט-מאָספער פון דער מעדעם-סאַנאַטאָריע, נעם איך מיט מיט זיך אַ שיינעם אָנדענק פון מיין קורצן וויזיט און אַ באַדויערונג, וואָס איך קען דאָרט נישט לעבן ווי די קינדער".

פּראָפ. ד"ר מיכאַלאָוויטש (רעקטאָר פון וואַרשעווער אוניווער-סיטעט, דירעקטאָר פון קינדער-קליניק ביים אוניווערסיטעט)

„איך האָב געזען און באַוואונדערט אויף יעדן טריט, מיט וואָס פאַראַ באַשיי-דענע מיטלען אָבער מיט ליבשאַפט קאָן מען שאַפן אַ מוכטערהאַפטע אינסטיטוציע".

נאַום אַראָנסאָן (באַוווסטער יידישער סקולפּטאָר אין פּאַריז)

„מיין טיפע געריורטקייט שטערט מיר אַרויסצוזאָגן מיין גרויסן ענטוזיאַזם פאַר אַלץ, וואָס איך האָב געזען אין אייער הערלעכער אינסטיטוציע. נעמט אָן מיין אָנערקענונג פאַר דער גרויסער פרייד, וואָס איך האָב איבערגעלעבט און וואָס איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן. מיטן גאַנצן האַרצן מיט אייך".

דר. זאַקס (באַרימטער קינדער-דאָקטאָר אין וואַרשע)

„איך בין אַנטציקט פון אַלץ, וואָס איך האָב געזען אין סאַנאַטאָריע".

גאלאטי (פאַרשייער פון דעם אינטער־נאַציאָנאַלן פאַריין פאַר קינדער־הילף)

„מיט קליינע מיטלען איז אין דעם דאָזיקן אַנשטאַלט געשאַפן געוואָרן עפּעס אַזוינס וואָס פאַרדינט די העכסטע אַכטונג און וואָס מען קען, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע ענלעכע אַנשטאַלטן, נאָר באַוווּנדערן — סיי אין הינזיכט פון דער איינריכטונג פון אַנשטאַלט גופא, סיי אין זיין ריינקייט און אָרדענונג. אָבער אַ באַזונדערס דערפרייענדיקן איינדרוק מיט זייער גוטן אויסזען, פריילעכקייט און חברישקייט מאַכן די קינדער, וואָס שטאַמען פון די אָרימסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. עס בלייבט נאָר צו ווינטשן, אַז מען זאָל קענען איינשאַפן די נויטיקע מיטלען, כדי דעם אַנשטאַלט צו דערהאַלטן און צו פאַרגרעסערן".

רענע אַבערדאַם (מיטאַרבעטערין פון „ליער נוועל" און ליטעראַרישע זשורנאַלן אין פאַריז)

„איך בין צופיל גערירט, אַז איך זאָל קענען אויסדריקן דאָס אַלץ, וואָס איך האָב איבערגעלעבט און געפילט אין דער דאָזיקער אויסערגעוויינלעכער אַטמאָספער פון פרייקייט, צווישן די דאָזיקע קינדער, וואָס זענען אַזוי רייך מיט דער נשמה און אַזוי טיף אין דענקען. מיר דוכט, אַז טויזנט אַזעלכע אינסטיטוציעס אין יעדן לאַנד - און די מענשהייט וועט ווערן איבערגעבויט. מיין אַכטונג און אָנערקענונג פאַר די, וואָס האָבן מיט אַזעלכע מינימאַלע מיטלען געשאַפן דאָס ווערק פון זעלטענער שיינקייט".

פּראָפ. א. פּעריער (דירעקטאָר פון אינטער־נאַציאָנאַלן דערציונגס־ביוראָ אין גענף)

„כ'בין גליקלעך צו זען דעם הערלעכן ביישפּיל פון סאָציאַלער הילף און זעלבסטפאַרוואַלטונג. עס וואָלט זיך וועלן זען ענלעכע ביישפּילן אומעטום אויף דער וועלט".

אויספלוג פון לערער אין שולן פאַר דעפעקטיווע קינדער אין וואַרשע

„דאָס איינטאָגיקע פאַרברענגען אין אַנשטאַלט האָט אונז געבראַכט אַ סך פרייד און גלויבן אין אַ בעסערן מאָרגן".

ד"ר ח. זשיטלאָווסקי

„איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב מיט מיינע אויגן געזען דעם הערלעכן בנין, וואָס דער יידישער סאָציאַליזם האָט אויסגעבויט פאַר די יידישע קינדער, און

מיך פ״ייט, וואָס דער בנין טראָגט דעם נאָמען פון דעם אומפאַרגעסלעכן ח׳ מע־
דעם. זיין אָנדענק האָט דאָס זיכער פאַ״רדינט״.

ד״ר מ. זילבערפאַרב

„אַן אמת׳ער נחת און שטאָלץ פאַר אַלע פריינט פונם מאָדערנעם יידישן שול־
וועזן. אַן איבערצייגנדער און שלאָגנדער ארגומענט קעגן אַלע זיינע פיינט און
קעגנער. זאָלן געבענטשט זיין די הענט, וואָס האָבן דאָס סאַנאַטאָריום אויסגעבויט
און אים אויפגעהויבן ביז דער איצטיקער מדרגה״.

אַלעקסאַנדער גראַנאַך (יידיש־דייטשישער שוישפּילער)

„זאָלן פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע נייע מענטשן ארויסקומען, און פּיאָנערן
פון קאַמף, פאַר וועלכן דער נאָמען „מעדעם״ האָט שוין געקעמפט: אַ פרייע גליק־
לעכע וועלט אָן קלאַסן. אין דעם זין זאָל זי לעבן״.

אויספלוג פון דער יידישער דאָקטוירים־געזעלשאַפט

„אונזער אויסדרוק פון אויפריכטיקער אָנערקענונג פאַר די פאַרדינסטן און
אָפּפערפולער אַרבעט געזונט צו מאַכן און צו דערציען דאָס קינד, וואָס בילדעט
דעם יסוד און די באַשטראַלונג פון לעבן. די אַרבעט וועט זיין פאַר אונז אַ
וועגווייזער און מוסטער אין דער צוקונפט״.

אויספלוג פון פאַרבאַנד פון דאָקטוי־רים אין דער פּוילישער רעפּובליק

„מיר דאַנקען די פאַרוואַלטונג פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע פאַרן איינאָרדנען
דעם דאָזיקן אויספלוג און מיר דריקן אויס אונזער באַוואונדערונג פאַר דער אָנ־
פירערשאַפט פון דער סאַנאַטאָריע, פאַר דער מוסטערהאַפטער פירונג און היגיע־
נישע באַדינגונגען״.

י. באַטאַשאַנסקי, אַרגענטינע

„אין אייער אַנשטאַלט בין איך געוואָרן געזונטער, פרישער און יינגער. און
איך גלויב, אַז דאָס איז די ווירקונג, וואָס דער אַנשטאַלט האָט אויף אַלע, וואָס
געפינען זיך דאָ. אין מעדעם־סאַנאַטאָריע איבערצייגט מען זיך, אַז אין אַ סאָציאַ־
ליסטישער אָרדענונג וועלן מענשען ווערן געזונט. אייער איוסטיטוציע וואָלט געווען
אַ וווּנדער אַפילו פאַר נישט־יידישע בורזשואַ. פאַר יידישע פּראָלעטאַריער איז
די אַ וווּנדער שבוונדער. טאַקע — נסים ונפלאות. איך וועל די דאָזיקע נסים
דער ילן אין אַרגענטינע״.

ד"ר מ.ווישניצער (באַקאַנטער היסטאָריקער, הויפּטסעקרע־טאַר פון הילפס־פאַריין פון די דייטשע יידן אין בערלין)

„איך באַוווּנדער די גרויסע אַרבעט, וואָס איז אויפגעטון געוואָרן אין דער סאַנאַטאָריע א. נ. מעדעם. ס'שטעקט דאָ אַ גרויסע איבערגעגעבנקייט און אידע־אַליזם. איך ווינטש דער סאַנאַטאָריע אַ ווייטערדיקן שטאַרקן פּראָגרעס. זי זאָל ביַיטראָגן צו פאַרשטאַרקן די שוואַכע קראַנקע יוגנט, כדי זיי זאָלן גרייט זיין צו פירן דעם שווערן לעבנס־קאַמף און אַרבעטן אַליין פאַר בעסערע געזונטערע באַ־דינגונגען פאַר אונזער פאָלק. אַ האַרציקן גרוס די פירער און די קינדער".

אויספלוג פון דערציער־קורס, אָרגאַניזירט דורכן מיניסטעריום פון געזעלשאַפטלעכער שוץ

„קיינער קען אפשר נישט בעסער ווי מיר — דערציער פון פאַרזאָרגונגס־אַנשטאַלטן — אָפּשאַצן די געזעלשאַפטלעך־דערציערישע באַדייטונג פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע".

ע. קוראָטשקאָ (פּעדאַגאָגישער לייטער פון דער קינדער־סאַנאַטאָריע אין גורקי — ביי בוסק)

„קוקנדיק פון דער נאָנט אויף אייער אַרבעט, האָב איך דעם פולן גלויבן אין אַ מאָרגן, וואָס וועט זיין שענער און בעסער פון היינטיקן טאָג און קודם־כל געווּכטער. איך געזעגן זיך נישט מיט אייך, ווייל מיטן האַרצן בין איך און וועל בלייבן מיט אייך. כבוד אייך".

עמיל לענגיעל (ניו־יאָרקער טיימס)

„מיין אנטציקונג פאר אייער וונדערבאר ווערק".

אדרעס פון סאנאטאָריע:
Sanatorjum im. Medema, Miedzeszyn
poczta Falenica
אדרעס פון ביורא:
Sanatorjum im. Medema
Warszawa, ul. Nowolipki 41

Ilustracje i okładkę odbito w „Drukarni Uniwersalnej" W-wa, Długa 26 tel. 11-60-19